STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03969

PROBLEMEN FUN DER YUDISHER ARBEYTER-POLITIK

Alexander Serpov

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אלכסנדר סערפּאוו.

פּראָבלעמען

פון דער

יודישער ארבייטער־פּאָליטיק

ווין, יוני 1920
פערלאג „אוואנגארד“
בוכדרוקעריי האלפערן און קאָמפ. ווין, 7. באצ. קאנדלג. 11. טעלעפאָן נר. 32-1-14

<u>פרייז:</u> עסטרייך 6 קרוינען, טשעכאסלאוואקיי 3 קרוינען, פוילן 10 מארק, דייטשלאנד 3 מארק, שווייץ 50 סאנטים, אמעריקא 20 סענט, ענגלאנד 1 שילינג.

יודיש־סאציאליסטישע

מאנאט־שריפט

געווידמעט די פראבלעמען פון פועלי־ציוניזם

ערשיינט יעדען חודש אין ניו־יארק

ארויסגעגעבן פונ'ם

סאציאלדעמאקראט. פראפאגאנדעקאמיטעט

276 East Broadway New-York, City

פרייז 20 סענט. יערליכער אבאנענט 1 דאלאר.

אונזער אמת

ארגאן

פון דער סאציאליסטישער ארבייטער־פארטיי

אין ארץ ישראל (פועלי ציון)

אפריל־העפט 1920 — יפו פרייז 1 שילינג

צו באציען דורך דעם פארלאג „אוואנגארד".

פּראָבלעמען פֿון דער
יודישער אַרבייטער־פּאָליטיק.

(אויף דעם סדר־היום פֿון אונזער וועלטבאַוועגונג.)

אַ עצם אונטערשיד צווישען סאָציאַל־דעמאָקראַטישער און קאָמוניסטישער אַרבייטער־פּאָליטיק באשטייט צווישען אַנדערעם אויך אין דעם, וואס בשעת די סאָציאַל־דעמאָקראַטען מיינען, אַז די אַרבייטער־באַוועגונג מוז פשוט אנקניפּען דאָרט, וואו זי איז דורך דער מלחמה איבערגעריסען געוואָרן, גלויבען די קאָמוניסטען, אז די אַרבייטער־באַוועגונג מוז זיך אומבאַדינגט רעכענען מיט׳ן טרויריגען, דערפֿאַר אָבער ממשות׳דיגען פֿאַקט פון דער פֿינף־יאָריגער מלחמה און די אַרבייטער־פּאָליטיק צופּאַסען צו אָט דעם פֿאַקט, וואָס האָט אַ גאָר באַדייטענדען רעוואָלוציאָניזירענדען כח. די סאָציאַל־דעמאָקראַטי דענקט: דער קריג — אַ ביטערע צרה פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפֿטס־אָרדנונג, — האָט איבערגעריסען די אַנטוויקלונג פֿון דער אַרבייטער־באַוועגונג, צושטערט אירע אָרגאַניזאַציעס, בכן מוז מען ווידער א מאָל אויפֿבויען די געווערקשאַפטען, פֿאַרשטאַרקען די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס און ווידער גיין אויף דעם אַלטען וועג. פאר איר האָט דער קריג בלויז איבערגעריסען די אָרגאַניזאַטאָרישע אַנטוויקלונג פֿון דער אַרבייטער־באַוועגונג.

די קאָמוניסטען מיינען: דער קריג איז דער מורא׳דיגער קריזיס פֿון דעם קאַפּיטאַליסטישען פּראָדוקציאָנס־אופן, ער באַדייט דערפֿאַר דעם אָנהויב פֿון דעם צוזאַמענברוך פֿונ׳ם קאַפּיטאַליזם, וועלכער האָט שוין דערגרייכט די מדרגה פֿון אימפּעריאַליזם, און ער ווייזט דאַריבער אָן דער אַרבייטער־באַוועגונג נייע וועגען און נייע פּערספּעקטיווען. ס׳איז נישט גענוג נאר צו באַפֿעסטיגען די עקזיסטירענדע אָרגאַניזאַציעס, ס׳מוזען געשאַפֿען ווערן נייע אָרגאַניזאַציאָנס־פֿאָרמען, וועלכע זאָלן אנטשפּרעכען די אנטוויקלונגס־מעגליכקייטען, און ס׳מוזען געזוכט און טאַקי געפֿונען ווערן נייע וועגען פאַר דער גאַנצער אַרבייטער־באַוועגונג.

די סאָציאַל־דעמאָקראַטי מיינט בייצוקומען דעם אינערווייניגדיגען קריזיס פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער־באַוועגונג בלויז דורך אָרגאַני־

זאַטאָרישע שטאַרקקייט. די קאָמוניסטען אַקעגען מיינען, אים גובר צו זיין דורך נייע אָרגאַניזאַציאָנס־פֿאָרמען, וועלכע זענען באַגרינדעט אויף פּרינציפּיעלער קלאָרקייט און אידעען־איינהייט.

אויך אין אונזער וועלט־באַוועגונג שטייען די ביידע ריכטונגען — די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע און די קאָמוניסטישע — אין אידעען־קאַמף איינע אַנטקעגען דער אַנדערער. די ערשטע מיינען, אַז די יודישע אַרבייטער־באַוועגונג קאָן גאָר פּשוט דאָרט אָנהויבען, וואו זי איז דורכ'ן קריג אָפּגעבראָכען געוואָרן, אַז מיר קאָנען אַלע גרויסע פּראָבלעמען פֿון דער יודישער אַרבייטער־פּאָליטיק פֿאַרענפֿערן אין דעם זינען און אויף דעם אופֿן, אויף וועלכען מיר האָבען עס געטון פֿאַר דער מלחמה. ס'גענוגט נאר צו פֿאַרשטאַרקען די אָרגאַניזאַציעס, אויפֿצובויען די עקזיסטירענדיגע אינסטיטוציעס. די אַנדערע אָבער מיינען, אַז די נייע עפּאָכע פֿון ווירטשאַפֿטליכע און פּאָליטישע איבערקערענישען, שטעלט די יודישע אַרבייטער־פּאָליטיק פֿאַר נייע פּראָבלעמען, און אַז אויך אַסך פֿון די אַלטע פּראָבלעמען פֿאָדערען גאָר נייע לעזונגען. ס'מוזען דערפֿאַר ווערן געזוכט און געשאַפֿען די פּאַסענדיגע אָרגאַניזאַציאָנס־פֿאָרמען, וועלכע זאָלען מעגליך מאַכען צו פֿאַרענפֿערן אַלע יודישע אַרבייטער־פֿראַגען אינ'ם קאָמונסטישען זין.

וואָס'זשע זענען די גרויסע פֿראַגען פֿון דער יודישער אַרבייטער־פּאָליטיק, וועלכע בילדען דעם הויפּט־אינהאַלט פֿון דער יודישער אַרבייטער־באַוועגונג, און וועלכע זענען די ענפֿערן, וועלכע מיר קאָמוניסטען גיבען אויף זיי?

* * *

I. נאַציאָנאַלע זעלבסט־באַשטימונג.

די לאָזונג, וואָס איז אַ לאַנגע צייט געווען דער קאַמף־רוף פֿונ'ם גאַנצען יודישען פּראָלעטאַריאַט אין אַלע גלות־לענדער, באַקומט איצט אַ גאַנץ אַנדערע באַדייטונג ווי פֿאַר דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע און ס'ווייזט זיך דאָ אַרויס דער טיפֿער פּרינציפּיעלער גענענזאַץ אין דער אויפֿפֿאַסונג פֿונ'ם פּראָבלעם צווישען ביידע ריכטונגען אינ'ם שוים פֿון אונזער פּועלי־ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג.

האָבען מיר אין דער צייט פֿון דער „פֿרידליכער", קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג געוואָלט דורך דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע אויפֿדעקען און שאַרף אַרויסקריסטאַליזירן אַלע קלאַסען־געגענזאַצען, האָבען מיר דעמאָלט געגלויבט, אַז די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע איז מסוגל צו פֿאַרקלענערן די נאַציאָנאַלע געגענזאַצען און דעם נאַציאָנאַלען קאַמף און אַזוי אַרום בולט'ר צו מאַכען די קלאַסען־געגענזאַצען און דעם קלאַסען־קאַמף, סיי אין די אַלגעמיין־מלוכה'שע, סיי אין די נאַציאָנאַלע פּאַרלאַמענטען, איז עס דעמאָלט געווען אונזער מיין, צו זיכערן פֿאַר דעם יודישען פֿאָלק — ד. ה. פֿאַר אַלע זיינע קלאַסען — דאָס רעכט אויף נאַציאָנאַלער זעלבסט־באַשטימונג אין

אַלע ספּעציפֿיש יודישע ענינים און דורכדעם אליין צו שאַפען פאר'ן יודישען פּראלעטאריאט דעם דאָזיגען אָרגאַן פון נאציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, אין וועלכען ער זאל קאנען ווי אַם בעסטען פארטרעטען זיין סאציאליסטישען קלאַסען־שטאַנדפונקט און ווי אם שטאַרקסטען משפיע זיין מיט זיין ארגאניזירטען כח דאס גאנצע פאלק, טאָ מוזען מיר היינט אלע די דאזיגע פּראבלעמען און מעגליכקייטען באטראכטען אין גאָר א אנדערן היסטאָרישען ליכט.

היינט, אין דער תקופה פון דירעקטען קאמף פאר דער פּראלעטארישער דיקטאטור, אין וועלכער לויט מאַרקס'ענס ממש נביאות'דיגען בליק, „דער פּראלעטאריאט מוז זיך דערהויבען צום נאציאנאלן קלאַס און זיך אליין קאנסטיטואירן אלס נאציע", באקומט די לאזונג פון דער נאציאנאלער זעלבסטבאשטימונג גאנץ א אנדערע באדייטונג און אין עצם אויך א אנדערן אינהאלט.

אצינד באדייט נאציאנאלע זעלבסטבאשטימונג דאס רעכט פון די פּראדוקטיווע און שאפענדיגע קלאסען פון א יעדען פאלק אויף זעלבסטשטענדיגער און זעלבסט־טעטיגער לעזונג פון זייערע באזונדערע נאציאנאלע פּראבלעמען נישט נאר אנטקעגען די הערשענדיגע קלאסען פון אנדערע, נור אויך אנטקעגען די פּאראזיטישע קלאסען פון זייערע אייגענע פעלקער.

נאציאנאלע זעלבסט־פארוואלטונג הייסט פאר אונז היינט: דאָס רעכט פונ'ם קלאַסען־באוואוסטען פּראלעטאריאט צו פארוואלטען מיט זיינע ספּעציפישע נאציאנאלע ענינים אינ'ם ריינעם קלאסען־אינטערעס פון דער ארבייטערשאַפט פון דעם אייגענעם פאָלק.

ס'איז דערפאַר גאנץ נאטירליך, אז אויך די ארגאנען פון דער נאציאנאלער זעלבסט־באשטימונג — ד. ה. די פאָרמען פון דער נאציאנאלער אויטאנאמיע — מוזען ווערן צוגעפּאסט צו אָט דעם נייעם אינהאלט. אויף דעם ארט פון די בשותפות'דיגע נאציאנאלע פּארלאמענטען וואס נעמען ארום אלע קלאסען פונ'ם פאָלק, פארלאנגען מיר, אז נאר דער קלאסענבאוואוסטער פּראלעטאריאט זאל האבען דאס רעכט צו וועהלן צום ארבייטער־ראט פאר נאציאנאלע ענינים. אנשטאט צו פירן קלאסענקאמף אויף דעם דעמאקראטישען באדען פונ'ם נאציאָנאלן פּארלאמענט, פירט איין דער ארבייטערקלאס די דיקטאטור פון די ארבייטענדיגע און שאפענדיגע פאָלקסמאסען; אויפ'ן אָרט פונ'ם יודישען „סיים" ווילן מיר א צענטראַלן אויספירונגס־קאמיטעט פון די יודישע ארבייטער־ראטן; אויפ'ן אָרט פון דער קהלה, וועלכע ווערט פארוואלטעט פון אלע קלאסען, פארלאנגען מיר דעם יודישען ארבייטער־ראַט.

אונזער לאזונג איז דערפאר: זעלבסט־באשטימונגסרעכט פאר די ארבייטענדיגע מאַסען פונ'ם יודישען פאָלק, דאס רעכט אליין צו רעגולירן אלע ריין יודישע ענינים אין די אייגענע אינטערעסען פון די ארבייטענדיגע און שאפענדיגע פונ'ם פאלק; דאס רעכט פון דעם יודישען פּראלעטאריאט, זיך אליין אלס נאציע צו קאָנסטיטואירן

און פארענפערן אלע זיינע נאציאנאלע פראגען אין פראלעטארישען גייסט אין אויף זיין אייגענעם אופן.

איז מען אמאל געקומען צו אט דער איבערצייגונג, שטרעבט מען שוין נישט מער צו זעלבסט-באשטימונגסרעכט פון די פעלקער סתם, נאר צו דער פראלעטארישער פעלקערפרייהייט, דעמאלט מוז מען זער גיך פארשטיין אז דעם דאזיגען ציל, קאן מען דערגרייכען נישט בשותפות מיט די אנדערע בירגערליכע קלאסען פון דעם אייגענעם פאלק, נאר אין ברודערליכער סאלידאריטעט מיט די פראלעטארישע שיכטען פון די אנדערע פעלקער.

דער קאמף פון דעם יודישען פראלעטאריאט פאר זיין נאציאנאלן זעלבסטבאשטימונגסרעכט הערט אויף צו זיין א געמיינזאמער קאמף פון אלע קלאסען פונ'ם יודישען פאלק, ער הערט אויף צו זיין א בשותפות-דיגער ציל פון די עקספלואטירטע און עקספלואטאטערם, ער ווערט איצט דער ריינער קלאסענקאמף פונ'ם יודישען פראלעטאריאט פאר זיין רעכט אויף זעלבסטבאשטימונג, סיי אקעגען די הערשענדיגע פון אנדערע פעלקער, סיי אקעגען דער בורזשואזיע פון זיין אייגענעם פאלק.

דער שווערפונקט פון דער יודישער ארבייטער-פאליטיק ווערט אריבערגעטראגען פון די כלומר'שט געמיינשאפטליכע צילן פון אלע קלאסען פונ'ם יודישען פאלק, אויף די אמת געמיינשאפטליכע צילן פון די פראלעטאריער פון אלע פעלקער. די אידעע פון דער נאציאנאלער זעלבסטבאשטימונג פארלירט יעדען בירגערליך נאציאנאלן קאליר.

דער קאמף פאר דער נאציאנאלער באפרייאונג פונ'ם יודישען פראלעטאריאט ווערט צום ריינסטען קלאסענקאמף פונ'ם יודישען פראלעטאריאט אליין.

ווייל גראד אין דעם באשטייט דער באפרייענדיגער כח פונ'ם קאמוניסטישען געדאנק, וואס ער זאגט זיך אפ נישט נאר פון א אידעענגעמיינשאפט, נאר אויך פון א קאמף-געמיינשאפט מיט דער בורזשואזי. דאס דערלעזענדיגע באוואוסטזיין, אז גאר נישט, קיין שום זאך נישט, איז שותפות'דיג פאר דער יודישער בורזשואזי און דעם יודישען פראלעטאריאט, מאכט פריי דעם וועג פאר דעם גרויסען אמת: דער גורל פון דעם יודישען פראלעטאריאט איז אייביג פארבונדען מיט'ן גורל פון דעם אינטערנאציאנאלען פראלעטאריאט. דער קאמף פאר דער וועלט-רעוואלוציע ווערט נאטורנויטווענדיג צום קאמף פאר דער נאציאנאלער און סאציאלער באפרייאונג פון די פראלעטאריער פון אלע פעלקער, אויך פונ'ם יודישען פראלעטאריאט. די יודישע ארבייטערפארטיי, וועלכע קעמפט פאר דער וועלט-רעוואלוציע, שאפט מיט דעם אויך די איינציגע פאראויסזעצונג פאר דער פאר-

ווירקליכונג פון דער אמת'ער פעלקעראויטאָנאָמי: פאר דער זעלבסטבאשטימונג פון די אַרבייטענדיגע פעלקער.

די גרונדזאַצען פון דער פועלי ציוניסטישער וועלטבאוועגונג אין דער פראַ־ גע פון נאציאנאלער אויטאנאמי מוזען דערפאר איצט אזוי פאָרמולירט ווערן:

דאס זעלבסטבאשטימונגסרעכט פון אלע פעלקער צו וועלכער ס'שטרעבט די יודישע ארבייטער־באוועגונג, איז אין עצם פארשי־ דען פון דער נאציאנאלער אויטאנאמי, צו וועלכער ס'שטרעבט די יודישע בורזשואזי. וויל די יודישע בורזשואזי דורך די אָרגאַנען פון דער נאציאנא־ לער אויטאנאמי, סיימס, קהלות וכדומה, איינפירן די פארשלייערטע דיקטא־ טור פונ'ם קאַפּיטאל איבער די יודישע מאַסען, טאָ שטרעבט דער יודישער פראָלעטאַריאַט צו זיכערן דאָס רעכט פון די יודישע ארבייטענדיגע פאָלקס־ מאסען אויף דער אייגענער באַשטימונג פון זייער אייגענעם גורל אין אַלע ספעציפיש יודישע ענינים דורך דער איינפירונג פון דער דיקטאַטור פון דעם יודישען קלאסענבאוואוסטען פראלעטאריאט אויף דער יודישער גאַס.

אָט צו דעם צוועק ווערן:

א) אין אַלע לענדער וואו ס'וואוינען גרויסע יודישע מאַסען און וואו דער פראָלעטאַריאט האָט שוין באַקומען די מאַכט, געשאַפען יודישע אַרביי־ טער־ראטען, אַלס שטאַטישע און צענטראַלע אויספירונגס־קאָמיטעטען, אלס ארטס־ און צענטראלע ארגאנען פון דער יודישער זעלבסטפארוואלטונג, וואָס האבען די אויפגאַבע צו רעגולירן אלע ספעציפיש יודישע אנגעלעגענ־ הייטען אינ'ם אייגענעם ווירקונגסקרייז און אין די אייגענע אינטערעסען פון דעם קלאסענבאוואוסטען יודישען פראלעטאריאט.

ב) אין די דאָזיגע לענדער פון גרויסע יודישע ישובים, וואו די דיקטא־ טור פונ'ם פראלעטאריאט איז נאך נישט דערגרייכט, פארשפרייטען אונזערע ברודער־פארטייען דעם געדאנק פון פראָלעטארישער פעלקעראויטא־ נאמי צווישען די יודישע ארבייטערמאסען און גרייטען צו דעם קלאסען־באוואוס־ טען יודישען פראלעטאריאט אויך ארגאניזאטאריש, דורך דער שאפונג פון פאקטישע אינסטיטוציעס פון פאזיטיווער נאציאנאלאויטאנאמער ארבייט, ווי קולטור־ליגעס, ארגאניזאציעס פאר בארופס־אומשיכטונג, און פאר סאציאלע הילף, עמיגראציאנסביורא וכדומה כדי ער זאל קענען אויסנוצען דאס זעלבסטבאשטימונגסרעכט אין די אייגענע אינטערעסען פון דעם יודישען פראלעטאריאט און אינ'ם זין פון דער סאציאליסטישער באַפרייאונגס־ אידעע. דערוויל מוזען אונזערע ברודערפארטייען באנוצען זיך מיט אלע מיטלען פון סאציאליסטישען קלאסענקאַמף אויף אזויפיל ווי זיי אנטשפרעכען די קאנקרעטע באדינגונגען פון די לענדער און מוזען אָן א שום תנאי אָפּוואַרפען יעדען מין כלל־ישראל־פאליטיק מיט דער יודישער בורזשואזי.

אזוי פאַרשטייען מיר היינט דעם פראָבלעם פון דער נאציאנאלער עלבסטבאַשטימונג. אין דעם זין, גלויבען מיר, וועט עס פון אונזער וועלט־ באַוועגונג מוזען ווערן געלעזט.

* * *

II. יודישער וועלטקאנגרעס.

שוין גאר לאנג פלאנט מען א יודישען וועלטקאנגרעס, וואס זאל נעמען אויף זיך דריי אויפגאבען: ערשטענס שיצען די יודישע נאציאנאלע רעכט אין אלע לענדער, וואו ס'איז דא א יודישער מאסען־ישוב; צווייטענס: ארגאניזירן די זעלבסטהילף און רעגולירן פון די יודישע עמיגראציע און דריטענס איבערנעמען די פארוואלטונג פונ'ם גרויסען יודישען צענטער, וואס זאל געשאפען ווערן אין ארץ ישראל.

פונקט אזוי ווי דאס גאנצע יודישע לעבען זענען אויך די דאזיגע דריי אויפגאבען דער אביעקט פון א פארביטערטען פארטיי־קאמף. איין טייל וויל נישט וויסען פון קיין שום שוץ פון וועלכע ס'איז נישט איז יודישע נאציאנאלע רעכט, א צווייטער טייל דינגט זיך מכח דער קאמפע־טעניץ פון דער זעלבסטהילף. דער „בונד" למשל וויל גאר נישט הערן וועגען דער קאנצענטרירונג פון דער עמיגראציע, בשעת די ציוניסטען ווילן נישט איבערגעבען דעם יודישען וועלט־קאנגרעס די „סובערעניטעטס־רעכט" איבער פאלעסטינא. מיר אבער, וואס מיר קענען שוין לאנג דעם ווירט־שאפטליכען, פאליטישען און קולטורעלן שורש פון דער יודישער פראגע, איז פאר אונז זעלבסטפארשטענדליך, אז פאר אלע די דאזיגע באדערפענישן, וואס זענען בשותפות'דיג פאר די יודישע מאסען פון אלע לענדער, מוזען געשאפען ווערן בשותפות'דיגע אלוועלטליכע ארגאנען, וועלכע זאלן זיי קענען באפרידיגען. דאריבער וועלן מיר זיך גאר באלד קענען אייניגען וועגען דער קאמפעטעניץ פונ'ם יודישען וועלטקאנגרעס. אנדערש וועט עס אבער זיין מיט דער פראגע וועגען דער נויטגקייט, צוועק־מעסיגקייט און נוצליכקייט פון אזא קאנגרעס פונ'ם שטאנד־פונקט פון סאציאליסטישען קלאסענקאמף.

מיר האבען שוין געזען, אז די פראלעטארישע רעוואלוציע און אירע פערספעקטיווען פאדערן אויפ'ן ארט פון בירגערליכער נאציאנאלער אויטא־נאמי, פראלעטארישע זעלבסטבאשטימונג. דערפאר קאן דער דער יודישער פראלעטאריאט פון רוסלאנד און אוקראינע גאר נישט טראכטען צו פארענפערן אלע אויבען דערמאנטע פראגען, בשותפות מיט דער יודישער בורזשואזי פון זייערע אדער פון די אנדערע אזויגערופענע „גלות־לענדער". אין די לענדער פון דער פראלעטארישער דיקטאטור מוז דער יודישער פראלעטאריאט זיך אליין קאנסטיטואירן אלס נאציע, אליין שיצען זיינע ספעציפישע אינטערעסען און דורך פראלעטארישער זעלבסטהילף אליין דורכפירן די פראדוקטיווירונג פון די יודישע מאסען און די רעגולירונג פון דער יודישער עמיגראציע. און באם די יודישע ארבייטערשאפט פון די דאזיגע ביידע לענדער באטייליגט זיך נישט אינ'ם יודישען וועלט־קאנגרעס — און לויט אונזער מיינונג טארן זיי זיך אין אים נישט באטייליגען —, אזוי פארלירט דער קאנגרעס במילא זיין אייגענטליכען זין.

וואס איז אבער מכח א פארטרעטונג אויף'ן יודישען וועלט־קאנגרעס מצד פון יענע יודישע ארבייטער, וואס לעבען דערווייל נאך אין קאפיטאל־

ליסטיש רעגירטע לענדער? דא מוזען מיר באטראכטען דעם עצם פון די פראגען, וואס דארפען שטייען פאר'ן קאנגרעס: בשעת ס'קאן זיך נאך אויס־ווייזען, אז דער שוין פון די אזויגערופענע נאציאנאלע רעכט און אינטערעסען איז א בשותפות'דיגע אויפגאבע פאר אלע קלאסען פונ'ם יודישען פאלק, מוז שוין ביי דער צווייטער אויפגאבע — זעלבסטהילף — דייטליך ארויסטרעטען דער אמת'ער קלאסען־היפוך. אזוי איז עס למשל א לעבענס־אינטערעס פונ'ם יודישען ארבייטער־קלאס, אז די הונדערטער, טויזענטער יודען, וואס לעבען פון לופט־פרנסות, זאלן אריינגעפירט ווערן אין פראדוקטיווע צווייגען פון דער ווירטשאפט. אין דער אייגענער צייט מוז די יודישע בורזשואזי שטרעבען דוקא דערצו, אז די דאזיגע האלב־פאראזיטישע שיכטע זאל נאך ווייטער עקזיסטירן אינ'ם יודישען פאלק, בכדי זיי זאלן אפציען אויף זיך די בארעכטיגטע אומצופרידענקייט פון די ארומיגע אייגוואוינער־מאסען מיט דער יודישער בורזשואזי, און בכדי זיי זאלען קענען דינען אלס יסוד פאר אלע יודיש־נאציאנאלע־שאוויניסטיש־קלעריקאלע כונות. בשעת די יודישע ארבייטער־מאסען זענען פאראינטערעסירט, אז די פאנדס, וואס ווערן געשאפען דורך זעלבסטהילף, זאלן ווערן פארוועגדעט נאר פאר אויפבויענדיגע, שאפענדיגע ארבייטסהילף, וועט די יודישע בורזשואזי וועלן להיפוך די דאזיגע פאנדס פארוועגדען אויף אלע מינים צדקה, וועלכע אונטערשטיצט און פארמערט די יודישע בעטלער און פאראזיטען.

נאך א ביישפיל: דער יודישער פראלעטאריאט וועט וועלן קאנצענט־רירן די יודישע עמיגראציע אין אזעלכע ערטער, וואו די מאסען קענען אריינגעפירט ווערן אין דער לאנדווירטשאפט און אין דער אורפראדוקציע. די יודישע בורזשואזי אבער וועט עס זען נישט צו דערלאזען, ווייל פאר איר איז בעסער צו דערהאלטען אין די יודישע האלב־פראלעטאריער א ארבייטסלאזע רעזערוו־ארמיי פאר אירע שפעקולאציעס און פארשידענע אוואנטיוריסטישע אונטערנעמונגען.

אזוי זעען מיר, אז דער יודישער פראלעטאריאט האט אין אלע וויכ־טיגסטע פראבלעמען פונ'ם יודישען קיום פונקט דעם היפך־אינטערעס פון דער יודישער בורזשואזי. און וואלטען מיר געהאט א פארלאמענט מיט צווינגענדיגען געזעצגעבונגס־ און אויספירונגס־כח, וואלטען מיר אים אפשר געמוזט און געקענט באנוצען פאר'ן קלאסענקאמף. אבער אפילו דער כשר'סטער דעמאקראט וועט נישט גלויבען, אז די יודישע בורזשואזי וועט זיך פרייוויליג מיט אונז איינעם אוועקזעצען אין א יודישען קאנגרעס, בכדי מיר זאלן מיט איר דארט פירן קלאסענקאמף און זי דארט טאקי באזיגען.

ווען מיר פירן דעם יודישען פראלעטאריאט צו אזא קאנגרעס, דערוועקען מיר אין אים די מסוכנ'ע אילוזיע פון עפּיס א נאציאנאלן אחדות, וואס איז ביכולת גובר צו זיין די קלאסען־אינטערעסען און וואס עקזיסטירט נישט מער אויף דער וועלט, זייט די מענשליכע געזעלשאפט איז צוטיילט אין קלאסען. אזא מין אילוזיע קאן אפשוואכען דעם קאמף־גייסט אויך פונ'ם

באוואוסטען טייל פונ'ם יודישען פראָלעטאַריאַט און אים אויף אזא אופן מער שאַדען, ווי ס'קענען אים נוצען אלערליי טובות פון דער יודישער בורזשואַזי.

דערפאר זענען מיר אַקעגען דעם, אז דער יודישער ארבייטער־קלאַס זאָל וואו נישט איז נעמען א אַקטיווען אנטייל אין א אַלגעמיין יודישען וועלטקאָנגרעס.

מיר מיינען, אז אונזער וועלט־פארבאנד מוז אויפ'ן אָרט פונ'ם יודישען וועלטקאָנגרעס פראָפּאַגאַנדירן און טאַקע שאַפען דעם יודישען ארבייטער־וועלט־קאנגרעס.

III. יודישער ארבייטער־וועלטקאָנגרעס.

אָדער

יודישע ארבייטער־וועלטאָרגאניזאציע.

אַזוי און נישט אנדערש שטייט די פראגע. נישט קיין קאָנגרעס מיינען מיר, וועלכער זאל איינמאל אדער פעריאדיש צונויפטרעטען, ארויסטראָגען פייערליכע פראטעסטען אקעגען די עולות, וואס ווערן אנגעטון דעם יודישען ארבייטער, ארויסשטעלן פאר דער וועלט די פאדערונגען פונ'ם יודישען ארבייטערקלאס, דערנאך צונויפקלויבען וועלכע ס'איז, געלדער פאר יודישע קרבנות, און דערמיט זאל ער מיינען, אז ער האט דערפולט זיין חוב. ניין! מיר ווילן שאפען פאר דעם יודישען פראלעטאריאט א שטארקע, מעכטיגע און בלייבענדיגע וועלטארגאניזאציע.

ווען מיר קאָמוניסטען זאגען זיך לכתחילה אָפּ פון א יעדען קאמף־שותפות מיט דער יודישער בורזשואזי, סיי בנוגע די אזויגערופענע נאציאנאלע רעכט און אינטערעסען, סיי בנוגע די פראגען פון עמיגראַציע און קאלאניזאציע אין פאלעסטינא, טאָ שטרעבען מיר מיט אלע כחות צו א איינהייטליכער, בשותפות'דיגער קלאַסענקאמף־ארגאַניזאציע, וואס זאל ארומנעמען אלע יודישע פראלעטאריער אָן אַ שום חילוק פון זייער פארטיי־שאטירונג.

ווי אזוי זאל־זשע ווערן געשאפען אָט די בשותפות'דיגע קלאסענקאַמף־ארגאניזאציע פונ'ם יודישען פראלעטאריאט? וועלכען צוועק זאל זי האבען?

אויף דעם דאזיגען, נאך אונזער מיינונג, וויכטיגסטען פראבלעם פון דער יודישער ארבייטער־פאליטיק, וואָלט בעדאַרפט אצינד ווערן אנגעשטרענגט די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט, ווייל פון דער לעזונג פון דער דאזיגער פראגע הענגט אָפּ דאָס, ווי אַזוי און אויף וועלכען אופן ס'וועלן געלעזט ווערן אלע ריין יודישע ארבייטער־פראבלעמען.

די עפאכע פון דער פראלעטאַרישער וועלטרעוואלוציע ווייזט אָן דער יודישער ארבייטערשאפט פון דער גאנצער וועלט נייע פערספעקטיווען, שטעלט נייע אויפגאבען דער יודישער ארבייטערבאוועגונג און נויטיגט זיך דערפאר אויך אין נייע אלוועלטליכע ארגאניזאציאנספארמען.

די פארשידענע אופנים פון אונטערדריקונג און אויסבייטונג, אונטער וועלכע ס'לײדען די יודישע ארבייטענדיגע פאלקסמאסען, האבען געפירט צו דער שאפונג פון פארשידענע פארטייען אין דער יודישער ארבייטערשאפט. ביז אהער האבען די דאזיגע פארטייען — א טייל בעסער, א טייל שלעכטער, פריער אדער שפעטער — געקאנט דערפולען זייערע היסטארישע אויפגאבען. היינט אבער, ווען ס'שטייט פאר אונז די אויפגאבע צוצוגרייטען דעם יודישען פראלעטאריאט אין א יעדען לאנד און אויף דער גאנצער וועלט פאר דער פראלעטארישער רעוואלוציע, סיי גייסטיג, סיי ארגאניזאטאריש, און דאס נישט נאר צום קאמף פאר דער רעוואלוציע, נאר אויך צום איבערנעמען פון דער מאכט און דערמיט אויך דעם שווערן עול פון דער יודישער ווירקליכקייט אויף מארגען נאך דער רעוואלוציע: היינט מוז די יודישע ארבייטערבאוועגונג רעכטצייטיג צופאסען אירע ארגאניזאציאנספארמען צום נייען תוכן! ס'מוז שוין היינט געשאפען ווערן אזא ארגאן פון דער יודישער פראלעטארישער רעוואלוציע, וועלכער זאל זיין בכח אלס א אמת'ער אויסדרוק פונ'ם ווילן פון דער יודישער ארבייטערשאפט, אנצופירן איינהייטליך דעם גרויסען קאמף פאר די העכסטע צילן—פאר דער סאציאלער און נאציאנאלער באפרייאונג— און אין דעם דאזיגען קאמף צו זיגען. אלס אזא איינציג ריכטיגער ארגאניזאציאנסאינסטרומענט איז אונז נאר באקאנט די אינטער־ אדער איבערפארטייאישע אינסטיטוציע פון די ארבייטערראטען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

יעדער, ווער ס'וויל מאכען יודישע ארבייטער־פאליטיק, מוז זיך רעכנען מיט צוויי געשיכטליכע פאקטען: מיט דער יודישער ווירקליכקייט און מיט די, פון איר געשאפענע, יודישע ארבייטערפארטייען און ארגאניזאציעס.

די יודישע ווירקליכקייט האט היינט אזא פנים, אז יעדער, ווער ס'שטייט אין דער יודישער ארבייטער־באוועגונג — צי ער וויל, צי ער וויל נישט— מוז קלערן אין א אקטיווער, ראדיקאלער אומענדערונג. פאליטישע רדיפות, באהאלטען אונטער א נאציאנאלן מאנטעל, וועלכע לאזען זיך אוים מיט ווילדע מענשען־הריגות און וועלכע דראהען צו פארניכטען אינ'ם משך פונ'ם גרויסען קאמף צווישען סאציאליזם און קאפיטאליזם, דאס יודישע ארבייטענדיגע פאלק: — ווער וואלט זיך געקענט לגמרי פאסיוו צוקוקען צו אזא בלוטיגער ווירקליכקייט? ווירטשאפטליכע אונטערדריקונג, איינגעהילט אין א שאוויניסטישען שלייער, וואס בריינגט אין סכנה פון עקאנאמישען באיקאט, ד. ה. פון גענצליכען אונטערגאנג די ערווערבס־ און שאפענספעהיגסטע יודישע באפעלקערונג; ווער וואלט געקענט צוזען רוהיג מיט פארלייגטע הענט אט די שרעקליכסטע ווירקליכקייט? ווען ס'האנדעלט זיך, אויפצובויען און צו פארפעסטיגען א נייע סאציאליסטישע געזעלשאפטסארדנונג, וואו ס'וועט בכלל ניט מעגליך זיין, נישט קיין פאליטישע פארפאלגונג, נישט קיין ווירטשאפטליכע עקספלואטאציע אויך נישט קיין נאציאנאלע אונטער־

דריקונג; א סאציאליסטישע געזעלשאַפטסאָרדנונג, וואו ס'וועט געזיכערט זיין פאר'ן יודישען פראלעטאריאט, פונקט אזוי ווי פאר די ארבייטער פון אלע אנדערע אומות, פריי צו אנטוויקלען זיינע ווירטשאפטליכע כחות און קולטורעלע פעהיגקייטען, וואו ס'וועט זיין מעגליך צוצופירן די יודישע מאַסען צו פראדוקטיווער טעטיגקייט: ווער וועט נישט וועלן דערביי אקטיוו מיטארבייטען? און דוקא יענער חלק פונ'ם יודישען פראלעטאריאט, וואס איז זוכה געווען צו זיין באפרייט פון דער וועלט־ און בירגער־מלחמה, און פון אלע אנדערע צרות ופרעניות, ווי אזוי זאל דוקא די יודישע ארבייטערשאַפט פון אמעריקא און ענגלאנד נישט אַקטיוו מיטהעלפען מנצח צו זיין — נישט נאר דורך נדבות נאר אויך דורך דעם באפרייענדיגען קלאסענקאמף — די טרויעריגע יודישע ווירקליכקייט און צו שאפען א נייע, לעבעדיגע, ארבייטס־לוסטיגע יודישע ווירקליכקייט? דערפאר איז היינט קלארער ווי ביז איצט, אז די לעזונג פון אלע שפעציעל־יודישע ארבייטערפראגען קען ארויסגעפונען ווערן נאר דורך א בשותפות'דיגע אנשטרענגונג פון דער יודישער ארבייטערשאפט פון אלע לענדער. בעת די יודישע ארבייטערשאַפט פון א איינציג לאנד איז זייער אפט נישט בכח אליין פון זיך אָפוערן די נאציאנאלע רדיפות און סאציאלע אונטערדריקונג, קען עס נאר דער בשותפות'דיגער אקציע פון דער יודישער ארבייטערשאפט פון אלע לענדער געלונגען, אָט די ביידע פארמאסקירטע פארמען פון קלאסענהערשאפט פונ'ם קאפיטאל, מיט נצחון צו באקעמפען. בעת ס'איז דער יודישער ארבייטערשאפט פון א איינציג לאנד אוממעגליך אליין צוצופירן די פאַראָרימטע יודישע מאסען צו פראדוקטיוו־שאפענדיגע ארבייט, קען דערפאר א צילבאוואוסטע געמיינזאמע טעטיגקייט פון די יודישע פראלעטאריער פון דער גאנצער וועלט, דורכפירן אָט די גרעסטע פון אלע אויפגאבען. אויב די יודישע ארבייטערשאפט פון די עמיגראציע־לענדער קען אליין נישט באהערשען דעם וואנדערשטראם, אים רעגולירן, פלאנמעסיג פארטיילן און דארטען קערעווען, וואו — אזוי ווי אין פאַלעסטינא — די יודישע ארבייט וואָלט געקענט צוגעפירט ווערן צו דער „אורפראדוקציע" און צו דער לאנדווירטשאַפט, אזוי מוז עס דער בשותפות'דיגער אנשטרענגונג פון דער יודישער אַרבייטערשאפט פון דער גאנצער וועלט — פון די אויס־ דורך־ און איינוואנדערונגס־לענדער — געלונגען, אדורכצופירן אָט די ראדיקאַלע פראלעטארישע לעזונג פון דער אזוי אנגערופענער יודענפראגע.

פונקט אזוי איז עס אויפ'ן קולטורעלן געביט. די יודישע ארבייטערשאפט, וואס איז צושפרייט אין דער גאנצער וועלט, קען נאר אין אנ'איינגען געגענזייטיגען צוזאמענארבייטען שמידען דעם שארפסטען כלי זין פאר איר עמאנציפאציאנסקאמף — די קולטור.

אט אזוי דיקטירט די יודישע ווירקליכקייט דער יודישער ארבייטערבאוועגונג אירן אינהאלט, ווייזט איר דעם ציל און דעם וועג דערצו, און פארלאנגט נייע אנטשפרעכענדע ארגאניזאציאנספארמען.

די יודישע ארבייטערבאַוועגונג, וועלכע איז לעת עתה נאך צושפאל־

טען אין א סך פארטייען און פאכארגאניזאציעס, איז נאך נישט דערוואקסען צו אט דער היסטארישער אויפגאבע. ס'וואלט געווען נאריש, צו בלאזען אינ'ם שופר האחדות און איצט שוין פרובירן צו פאראייניגען די יודישע פראלעטארישע פארטייען אויף דער אויבען־דערמאנטער פלאטפארם. צו שטארק דריקען נאך אויפ'ן געמיט די פארטייאישע טראדיציעס. צו שטארק איז דער האס, וועלכען מ'האט יארנלאנג דערצויגען. צו טונקעל איז געפארבט דאס באוואוסטזיין פון דער יודישער ארבייטערשאפט, כדי אזא מין פרוב זאל שוין ביי היינטיגען טאג ברייגען צייטיגע פרוכטען. דערפאר מוזען מיר גיין אויפ'ן זעלבען וועג, וועלכען ס'האט אונז אזוי קלאר אנגעוויזען די רוסישע רעוואלוציע.

קודם כל מוז אין א יעדען לאנד געשאפען ווערן
א יודישער ארבייטער־ראט

וועלכער מוז ווערן אויסגעקליבען פון דער גאנצער יודישער ארבייטערשאפט, וואו עס זאל זיין פארטרעטען אלע פארטייריכטונגען און אלע פאכארגאניזאציעס פון דער יודישער ארבייטערשאפט. אין אלע לענדער, מיט גרויסע יודישע ישובים מוזען צוערשט געשאפען ווערן אזעלכע איבערפארטייאישע קלאסענארגאניזאציעס, וועלכע זאלן פארטיידיגען די אינטערעסען, רעכט און באדערפענישען פון דער יודישער ארבייטערשאפט אינ'ם דאזיגען לאנד.

אט די לאנדעסארגאניזאציעס דארפען זיך צונויפשליסען צו א גרויסער און שטארקער

אלוועלטליכער יודישער ארבייטער־ארגאניזאציע

און דערמיט געבען די מעגליכקייט דער יודישער ארבייטערשאפט פון דער גאנצער וועלט צו באפרידיגען אירע בשותפות'דיגע באדערפענישען און אינטערעסען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווען מיר לייגען פאר צו שאפען א אינטער־ אדער איבערפארטייאישע אלוועלטליכע ארגאניזאציע פון דער יודישער ארבייטערשאפט, ווילן מיר דערמיט לחלוטין נישט פארבייטען די פאליטישע פארטייען דורך א אומפאליטישער פארטרעטונג פון דער יודישער ארבייטערשאפט, וואו עס זאלן האבען א ארט אלע ריכטונגלאזיקייט און פרינציפענלאזיקייטען.

נישט עפעס א ארגאניזאציע אין דער פארם פון דער ענגלישער „לייבור־פארטיי", וועלכע שלעפט זיך נאך, היינט נאך דער בירגערליכער, מארגען נאך דער הומאניטערער און איבערמארגען נאך דער סאציאליסטישער פאליטיק. און וועלכע איז פעהיג מיט דערזעלביגער באגייסטערונג צו מאכען היינט אימפעריאליסטיש־קריגערישע און מארגען פאציפיסטיש־סאציאליסטישע פאליטיק, ניין.

אזא מין יודישע ארגאניזאציע וואלט זיכער דערשווערט איידער פארגרינגערט די לייזונג פון דעם יודישען ארבייטערפראבלעם.

ווען מיר זעצען אונז צונויף מיט כל המינים ציוניסטישע און בירגער־ליכע אסימילאַטארישע אנהענגער, וועלכע זענען נאָך בנמצא אין די רייען פון דער יודישער ארבייטערשאַפט, דאן וואלטען מיר געטאן א קנאפע טובה די היסטארישע אינטערעסען פון דעם יודישען פראָלעטאריאט. וואלט אָפּ־געטעמפּט געווארן דער קלאַסענבאוואוסטזיין — דער איינציגער ווירקזאמער כלי־זין פון דער יודישער ארבייטערשאַפט און די איבערהאנט וואָלטען באקומען די לעת עתה, נאָך אומפּאָליטישע מאַסען, וועלכע טראכטען נאָר וועגען זייערע טאגטעגליכע אינטערעסען.

ס'איז זעלבסטפאַרשטענדליך, אז מיר קאָמוניסטען, זענען לכתחילה אקעגען אזוינעם. די אלוועלטליכע יודישע ארבייטער־ארגאניזאַציע, צו וועלכער מיר שטרעבען דארף נאָר מעגליך מאכען די קאארדינאַציע פון די קלאסענבאוואוסטע יודישע פראָלעטארישע כחות.

מיר שטרעבען דעריבער צו שאַפען שטאָטישע, פראָווינציעלע און לאנדעסאַרבייטער־ראַטען, וועלכע דארפען זיין געקליבען פון דער גאנצער יודישער ארבייטענדיגער באפעלקערונג, אבער א מיטגליד פון א יודישען ארבייטער־ראַט מעג זיין נאָר דער, ווער ס'איז אנהענגער פונ'ם סאָציאליסטישען קלאַסענקאמף אין מאַרקסיסטישען זין.

אזעלכע פון באוואוסטזיניגע קלאסענקעמפער צוזאמענגעשטעלטע, יודישע ארבייטער־ראטען, דארפען זיך פארבינדען מיט יודישע פראָלטאַרישע פראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאציעס און בילדונגס־אינסטיטוציעס, ווי אויך מיט די דאזיגע פראָדוקציאָנס־ און פאַרבריכס־קאָאפעראטיווען, וועלכע האבען א אויסגעשפּראָכענעם פראָלעטארישען כאראקטער. די יודישע ארבייטער־ראטען מוזען ווערן דערגענצט דורך פאָרשטייער פון די דאָזיגע ארגאניזאַציעס און אויף אזא אופן זיכערן דעם איינהייטליכען פראָנט פון דעם יודישען פראָלעטארישען קלאַסענקאמף.

דאָ ווארפט מען אונז פאר: „איר קאָמוניסטען ווילט אין אלעמען אומבאדינגט נאכמאכען די רוסישע באָלשעוויקעס, דערפאַר ווילט איר אויך שאפען יודישע ארבייטער־ראטען לויט'ן רוסישען מוסטער.

גוט, אין רוסלאנד, אין אוקראַינע, דאָרטען וואו ס'הערשט די פּראָלע־טאַרישע דיקטאטור, קאן מען נאך טראכטען וועגען שאפען יודישע ארבייטער־ראטען. אָבער וואס זאל מען טאן אין אנדערע לענדער, ווי אין פוילען, אַמעריקא, ענגלאנד? ווי וועט זיין, אז די רעגירונגען וועלן עס נישט ערלויבען?"

דארויף ענטפערן מיר: אז לויט אונזער מיינונג, דארף אונזער וועלט־פאַרבאנד לכל הפחות, פּראָפּאגירן און ארויסטרעטען פאר דער אידעע פון יודישע ארבייטערראטען, ניט קוקענדיק אויף דער סכנה מקריב צו זיין די סימפאטיעס פון דער אדער יענער בירגערליכער רעגירונג.

מיר האלטען אבער, אז אפילו אין יענע לענדער, וואו ס'איז נאך נישט מעגליך די לעגאליזירונג פון א יודישען אַרבייטער־ראט, איז נויטיג און אויך מעגליך אים צו שאפען אונטער א אנדערן לעגאַלן נאמען. מיר דארפען זיך נישט חקיר'ען מכח ווערטער, נאר שטענדיג אין זינען האבען דעם אינהאלט און דעם ציל.

מיר האַלטען, אַז ס'איז וויכטיג, אַז אונזער וועלטפאַרבאַנד זאָל ברייננען די אידעע פֿון יודישע אַרבייטער־ראַטען צו די ברייטע מאַסען פֿון דער קלאַסענבאַוואוסטער יודישער אַרבייטערשאַפֿט.

די יודישע פּראָלעטאַריער, וועלכע ליידען אונטער פֿאַרשידענע פֿאָרמען פֿון עקספּלואַטאַציע און אונטערדריקונג זיינען דעריבער „געבענטשט" מיט פֿאַרשידענאַרטיגע זיך סותר'דיגע פּאָליטיש־פּאַרטייאישע אָרגאַניזאַציאָנס־פֿאָרמען. דער אַרבייטער־ראַט איז דער איינציגער באָדען, וואו עס קענען זיך צוזאַמענטרעפֿען און צונויפֿריידען אַלע קלאַסענקאַמף־פּאַרטייען פֿון דער יודישער אַרבייטערשאַפֿט און ווען אַפילו די רוסלענדישע פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע וואָלט נישט געשאַפֿען דעם אַרבייטער־ראַט אַלס די העכסטע פֿאָרם פֿון פּראָלעטאַרישער אָרגאַניזאַציע, דאַן וואָלטען מיר יודישע פּראָלעטאַריער אים געמוזט אויסטראַכטען.

פּונקט, ווי די יודישע פּראָלעטאַרישע פּראָפֿעסיאָנעלע און פּאַרטיי־פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס זיינען נישט בלויז א נאָכמאַכונג פֿון די אייראָפּעאישע, אַזוי זיינען אויך די יודישע אַרבייטער־ראַטען, וועלכע זאָלען אַרומנעמען די יודישע קלאַסענבאַוואוסטע אַרבייטערשאַפֿט פֿון דער גאַנצער וועלט, נישט בלויז נאָכמאַכונג פֿון פֿרעמדע אָרגאַניזאַציאָנספֿאָרמען.

אין דער פֿאָרם אין וועלכער מיר ווילען באַשאַפֿען דעם יודישען אַרבייטערראַט וועט ער זיין מסוגל צו פֿאַרענפֿערן, סיי די טאָג־טעגליכע אינטערעסען, סיי אויך די געשיכטליכע אויפֿגאַבען פֿון דער יודישער אַרבייטערשאַפֿט. דורך די פֿאַראייניגטע, צילבאַוואוסטע קראַפֿט פֿון אַלע יודישע אַרבייטענדיגע און שאַפֿענדיגע עלעמענטע וועט ער מוטיג און אַנטשלאָסען פֿירן דעם יודישען פּראָלעטאַריאַט צו פֿולשטענדיגער באַפֿרייאונג.

* * *

לויט אונזער מיינונג דאַרף אונזער וועלטפאַרבאַנד נעמען אויף זיך דורכצופֿירן אָט די היסטאָרישע אויפֿגאַבע, צו פּראָפּאַגאַנדירן און פֿאַרווירקליכען די אידעע פֿון א יודישער אַלוועלטליכער אַרבייטער־אָרגאַניזאַציע.

אין יעדען יודישען אַרבייטערצענטער, אין יעדער שטאָט און שטעטעל מוז געשאַפֿען ווערן א יודישער אַרבייטער־ראַט, וועלכער זאָל זיין אויסגעקליבען פֿון דער גאַנצער אַרבייטענדיגער יודישער באַפֿעלקערונג. אין יעדען לאַנד מיט א גרויסער יודישער באַפֿעלקערונג מוז זיין א קאָנגרעס דאָס הייסט א שטענדיגע אָרגאַניזאַציע פֿון אַלע יודישע אַרבייטער־ראַטען.

אָט די לאַנדעסאָרגאַניזאַציעס, וועלכע ווערן צונויפֿגערופֿען צו רעגעלמעסיגע קאָנגרעסען, און אָנגעפֿירט דורך א שטענדיגער עקזעקוטיווע, וועלן בילדען די אַלוועלטליכע יודישע אַרבייטער־אָרגאַניזאַציע, וועלכע וועט האָבען דאָס רעכט און זיין ביכולת ערפֿאָלגרייך דורכצופֿירן די סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע באַפֿרייאונג פֿונ'ם יודישען פּראָלעטאַריאַט.

נאָר אַזאַ מין יודישע אַרבייטער־אָרגאַניזאַציע וועט זיין באַרעכטיגט אַרויסצושטעלן דעם ווילן פֿונ'ם גאַנצען יודישען אַרבייטערקלאַס אַקעגען דעם ווילן פֿון דער יודישער בורזשואַזי און אַזוי אַרום וועט דער יודישער

בורזשואזי נישט מער מעגליך זיין צו ריידען אינ'ם נאמען פון „אנ'איינהייט־ליכען" יודישען פאלק. אנ'ארגאניזאציע, וועלכע וועט ווערן געשאפען אויף אזעלכע ברייטע יסודות וועט אויך האבען דאס רעכט צו האנדלען אינ'ם נאמען פונ'ם גאנצען יודישען פראלעטאריאט, נישט אנרירנדיג דערביי די קאמפעטענץ פון פאליטישע פארטייען און נישט באגרענצענדיג זייערע אויפגאבען.

אזא מין ארגאניזאציע וועט באמת זיין פעהיג צו מעשים. א געדיכטער נעץ פון יודישע ארבייטער־ראטען, אין וועלכע ס'זיינען נישט בלויז פארטרעטען, נאר נעמען טאקי אנ'אקטיווען אנטייל אלע פארטייען, פאך־ארגאניזאציעס, קאאפעראטיווען און פראלעטארישע בילדונגס־ארגאניזאציעס; די דאזיגע איינצעלנע שטאטישע ארבייטער־ראטען פאראייניגט אין לאנדעס־ארבייטער־ראטען, וועלכע זיינען ווידער צונויפגעשלאסען אין אנ'אינטער־טעריטאריאלער ארגאניזאציע, וועלן נישט נאר זיין בארעכטיגט, נאר אויך פעהיג צו לייזען די גרויסע פראגען פון דער יודישער ארבייטער־באוועגונג אויף אייגענע אחריות און אין די אייגענע אינטערעסען פון דער יודישער ארבייטערשאפט.

* * *

IV. פראדוקטיווירונג. —— עמיגראציע.

דיביידע מאמענטען, וועלכע שטעלן מיט זיך פאר דעם תוכן פון דעם יודישען ארבייטער־פראבלעם, זיינען אויף אזוי פיל איינג פארבונדען צווישען זיך, אז מ'מוז זיי אינאיינעם באטראכטען. די פראדוקטיווירונג פון די האלב־פראלעטארישע און האלב־פאראזיטישע יודישע עלעמענטען קען דורכגעפירט ווערן נאר מיט דער הילף פון א פלאנמעסיג ארגאניזירטער איבערוואנדערונג אין יעדען לאנד גופא און אין די לענדער מעבר־לים.

די יודישע עמיגראציע וועט ערשט דאן אויפהערן צו זיין א פראבלעם, ווען די יודישע מאסען וועלן אריבער צו פראדוקטיווער שעפערישער ארבייט.

ברייגגען די יודישען מאסען צו א פראדוקטיווער טעטיגקייט, הייסט נישט נור מאכען די גרויסע צאל פון לופט־מענשען פאר נוצליכע מיט־גלידער פון דער געזעלשאפט, נאר אויך דורכפירן א פולשטענדיגע „אומ־שיכטונג" פון די פארשידענע יודישע פרנסות, וועלכע זיינען צונויפגעפרעסט אויף א גאר איינגעם שטח פון דער פאלקסווירטשאפט. אט די געוויסע צווייגען פון אינדוסטריע, מסחר און קאפ־ארבייט, וואו עס זיינען צונויפ־געפרעסט די יודישע פראלעטאריער מוזען ביסלעכווייז אבער פלאנ־מעסיג ווערן באפרייט פון דער, אויף זיי ליגענדיגער משא. די יודישע פראלעטאריער דארפען ווערן דערצויגען און צוגעוואוינט צו נ״ע, דער עיקר שעפערישע פראפעסיעס, די יודישע ארבייטערשאפט מוז זיך אומקערן צו ערדארבייט און זיך צופאסען צו דער אורפראדוקציע (צו דער פראדוקציע פון די רוי־מאטעריאלן) — נישט חלילה בכדי צו קאנקורירן מיט די

שכנות'דיגע פעלקער, נאר כדי די יודישע פאלקסווירטשאפט זאל באקומען דעם געזונטען יסוד, אויף וועלכען די יודישע ארבייט וועט זיין ביכולת צו דערגרייכען און איינצוהאלטען די איר געהעריגע הערשענדע מדרגה.

דער דאזיגער פראצעס, וועלכען מיר זען אין זיין עלעמענטארער כאאטישער פארם אין דער געשטאלט פון דער יודישער עמיגראציע אין די לעצטע צענדליגער יארן, מוז צילבאוואוסט משפיע ווערן פון דער יודישער ארבייטערבעוועגונג. אלע אביעקטיווע מעגליכקייטען פאר פראדוקטיווירונג אין די פארשידענע לענדער פון יודישען ישוב וואלטען געמוזט אויסגעפארשט ווערן. נעמענדיג באזונדערש אין אכט די פאלקסווירטשאפטליכע פארהעלטענישען אין יעדער באזונדער לאנד. עס וואלטען באדארפט ווערן גענוי אונטערזוכט די צופאסונגספעהיגקייט פון די פארשידענע שיכטען פון דער יודישער ארבייטענדער באפעלקערונג. יא, מען וואלט געמוזט אפילו אויך זיך רעכענען מיט דער פסיכאלאגיע פון אונזערע שכנות'דיגע פעלקער און אויך פון דעם איינצעלנעם יודישען ארבייטער אינדיווידואום. צווישען די יודישע מאסען מוז זיך אנהויבען די רעפארם שוין אין די פאלקסשולן, יא, אפילו אין די קינדער־היימען. שוין דאס קינד מוז מען צוגעוואוינען, נישט צום ציילן און רעכענען, נאר צום גראבאייזען און האמער. די יודישע פאלקסשול טאר נישט זיין קיין פארבילדונג פאר דער האנדעל־שול, נאר א ווערקשטאט פאר לאנדווירטשאפטליכער און פראפעסיאנעלער בילדונג.

בעת ס'איז מעגליך, אנצוהויבען אט די שולרעפארם, וועלכע איז נויטיג פאר דער פראדוקטיווירונג פון די יודישע מאסען, זעלבסטשטענדיג אין די פארשידענע לענדער פון יודישען תחום, באדארף מען אבער פאר דער „אומשיכטונג" פון די פראפעסיעס פון דער יודישער ארבייטענדיגער באפעלקערונג, ווי אויך פאר דער פראדוקטיווירונג פון די יודישע „לופטמענשען", די ארגאניזירטע מיטארבייט פון די יודישע ארבייטענדע עלעמענטען פון אלע לענדער. די דאזיגע אויפגאבע קען גליקליך געלייזט ווערן נאר דאן, ווען אויף'ן גרונד פון גענויע אינפארמאציעס און ברייטע ארגאניזאציאנס־טעטיגקייט וועט זיין מעגליך פאר די יודישע פראלעטאריער א פלאנמעסיגע נוצליכע עמיגראציע פון איין שטאט אין דער אנדערער (פון דער גרויסער אין דער קליינער און פארקערט) פון איין געגענד אין דער צווייטער, פון איין לאנד אין אנדערן און דערהויפט פון שטאט אין דארף.

די איבערפולטע יודישע נאדעל־אינדוסטריע פון איין געגענד מוז באקומען די מעגליכקייט פלאנמעסיג אריבערצושיקען אלע איבערפלוסיגע ארבייטער אין א צווייטער געגענד, וואו ס'פעלן אזעלכע כחות. אויב ס'איז אין א וועלכען נישט איז לאנד אנטשטאנען א קריזיס אין בויפאך, מוזען די יודישע ארבייטער תיכף געבראכט ווערן אהין, וואו זיי קענען געפינען די פאסענדע ארבייט. תמיד מוז עס אבער דורכגעפירט ווערן מיט א אויסגעשפראכענער טענדענץ צו פראדוקטיווירונג. אין א יעדען פאל, ווען ס'ווערט נויטיג די אפוואנדערונג פון יודישע ארבייטער, דארפען אט די אלע, וועלכע ווערן ארויסגעשטויסען פון איין פראדוקציאנס־צווייג צוגעפירט

ווערן, ווי ווייט מעגליך, צו דער לאַנדווירטשאַפט און בכלל אורפּראָדוקציע, לכל הפחות צו א אמת־פּראָדוקטיווער ארבייט. פאר אונז איז עס גאַנץ זעלבסטפאַרשטענדליך, אז יעדע יודישע ארבייטער־עמיגראַציע מוז ווערן קאָנצענטרירט ווי ווייט מעגליך.

אם שווערסטען אבער איז צו לייזען דאס פּראָבלעם פון די טויזענטער יודישע לופטמענשען, זיי, וואס זיינען נישט געוואוינט צו א אנגעשטרענגטער, באשטענדיגער שפּעדישער ארבייט, קאָנען נאָר זער שווער זיך אריינ־פּאסען אין די ראמען פון א שוין גאַנץ אנטוויקעלטער פאָלקסווירטשאפט, וואו אלע פּראדוקטיווע פּאזיציעס זיינען שוין באזעצט. זיי וואלטען בכן גע־מוזט אויסוואנדערן. פאר דער קאָלאָניזירונג פון א ניי לאנד זיינען זיי אבער אויך נישט זער פאסיג.

דעריבער וואָלט געמוזט אנגעהויבען ווערן די פּראָדוקטיווירונג פון אט די עלעמענטען שוין אין די אויסוואנדערונגסלענדער — לאנדווירטשאפט־ליכע און אינדוסטריעלע קאאפּעראַטיווע ארבייט אויף די ערטער וואלט פאר די דאזיגע עלעמענטען געווען א גרויסע פעולה — און פארטגעזעצט ווערן אין די איינוואנדערונגס־צענטרען.

א גרויסען ראָל שפּילט דערביי אויך דער קולטורעלער מאמענט. ווען דער עמיגראנט קומט אין א היימישער, קולטורעלער סביבה, ווען די שפּראך, מנהגים און די פּסיכאָלאָגיע פון דער נייער היים איז אים באקאנט, קען ער זיך גרינגער אָריענטירן אין גיכער ווערן א נוצליכער מיטגליד פון דער געזעלשאפט.

מיר זעען בכן, אז די ביידע וויכטיגסטע אויפגאבען פון דער יודישער אַרבייטער־באַוועגונג — די פּראָדוקטיווירונג און די רעגולירונג פון דער עמיגראַציע — קענען נאָר דאן ערפאָלגרייך געלייזט ווערן, ווען די יודישע אַרבייטערשאפט אין דער גאנצער וועלט וועט פארשטיין די בשותּפות־דיגקייט פון אירע אינטערעסען, ווען זי וועט שאַפען דעם נויטיגען געמיינ־זאַמען אָרגאן, דעם יודישען ארבייטערראַט, די יודישע אלוועלטליכע אַרבייטער־אָרגאַניזאַציע.

די אויפגאבע פון דעם פּוע״צ. פארבאנד, וועלכער האט דער ערשטער פארשטאנען די בשותּפות׳דיגקייט פון די אינטערעסען פון דער יודישער ארבייטערשאפט, מוז עס זיין, אריינברייגען די דאָזיגע פאַרשטענדעניש אין דער יודישער ארבייטערבאוועגונג און דערמיט זי צו פאַרווירקליכען.

* * *

איצט מוז מען נאָך פארענטפערן צוויי פראגען.

וועט דער יודישער ארבייטערראט און די אלוועלטליכע יודישע ארבייטער־אָרגאניזאציע זיין בכח צו לייזען די קאָלאסאלע אויפגאבען וועלכע שטייען פאר איר?

דערויף ענטפערן מיר: יא, די פאראייניגטע יודיש־פּראָלעטארישע קלאסענקאמף־אָרגאניזאַציעס פון אלע לענדער וועלן לויט אונזער איבער־צייגונג זיין פעהיג און ביכולת צו לייזען די גרויסע פּראָבלעמען פון דער

יודישער ווירקליכקייט און די שפעציעלע אינטערעסען פון דער יודישער ארבייטערשאפט אין א סאציאליסטישען גייסט, קעמפענדיג און בויענדיג, שטיצענדיג זיך אויף אייגענע כחות, ווי אויך אויף'ן אינטערנאציאנאלען פראלעטאריאט, וועט עס געלונגען דער יודישער אלוועלטליכער ארבייטער־ארגאניזאציע ארויסצורייסען ביי דער יודישער בורזשואזיע און ביי דעם אלוועלטליכען קאפיטאליזם אזוי פיל מאכט, וויפיל זי באדארף צוליב דער אויסהיילונג און פארשטארקונג פון אירע אייגענע רייען, כדי איינ'ם פאסיגען מאמענט צו פארווירקליכען דעם סאציאליזם.

און האבען מיר די ברירה צו לעזען דאס פראבלעם פון דער יודישער ווירקליכקייט אין פריוויליגער בשותפות'דיגקייט מיט דער יודישער בורזשואזיע אדער דורך דער אייגענער קראפט פונ'ם יודישען פראלעטאריאט מיט דער הילף פונ'ם נישט פארפאלשטען קלאסענקאמף: דאן קלויבען מיר אויס דאס לעצטע!

דער ביישפיל פון דער יודיש־אמעריקאנישער הילפסאקציע האט בולט באוויזען, אז די יודישע ארבייטער־הילף, ווי ארים זי זאל נישט זיין ווען זי וואלט געווארן פארוועגדעט לויט'ן גייסט פון פראלעטארישער זעלבסטהילף אויף אויפבויענדע ארבייט, וואלט זי געבראכט פיל מער נוצען די פאלקסמאסען, ווי די רייכע מתנות פון דער, מיט'ן קלאסען־שלום באפוצטער, בירגערליכער פילאנטראפיע.

די צווייטע פראגע איז: צי וועט טאקי ווערען אזא יודישע אלוועלט־ליכע ארבייטערארגאניזאציע לעזען די אלע אויפגאבען, וועלכע שטייען פאר איר? אודאי מאכען מיר נישט צו די אויגען פאר די שוועריגקייטען, וועלכע ס'וועט אויסקומען צו באזיגען אין דער הינזיכט. אודאי ווייסען מיר, אז נישט אלע יודישע ארבייטערפארטייען זיינען מסכים מיט אזא מין אלוועלטליכער ארגאניזאציע, נישט אלע ווילען איר צוגעבען אזעלכע קאמ־פעטענצען. אבער די יודישע ווירקליכקייט צווינגט ארויף די דאזיגע אויפ־גאבע אויף דער יודישער ארבייטערבאוועגונג און דערין ליגט דאס ערבות פאר אונזער ערפאלג.

אונזער וועלטפארבאנד, פונקט אזוי ווי אלע אנדערע סאציאליסטישע פארטייען פונ'ם יודישען פראלעטאריאט, הערט דאך נישט אויף צו עקזיס־טירן, פארקערט, ער וועקט ווייטער דאס געוויסען און דעם באוואוסטזיין פון דער יודישער ארבייטערשאפט, ער היט אפ אירע אינטערעסען און מיט זיין אייגענער אומערמידליכער פאזיטיווער ארבייט וויקעלט ער אויף פאר דעם יודישען פראלעטאריאט זיינע אויפגאבען און צילן און ווייזט אים דעם וועג פון דער פראלעטארישער זעלבסטהילף.

V. ציוניסטישער קאָנגרעס, אָדער רעאַליזירונג פון׳ם פראָלעטאַרישען ציוניזם.

נישט בלויז וועגן דעם זאָל מען אויף אונזער קומענדיגער וועלט־קאָנפערענץ קומען צום סך הכול, צי מיר זאָלען שיקען דעלעגאַטען צום ציוניסטישען קאָנגרעס, צי ניין. אַסך וויכטיגער איז ס׳זאָל געשאַפען ווערן קלאַרקייט דעריבער, צי איז אונזער וועלטפאַרבאַנד אַ חלק פון דער ציוניסטישער וועלטאָרגאַניזאַציע, אָדער צי איז ער די קלאַסענפּאַרטיי פון׳ם יודישען פראָלעטאַריאַט.

ס׳איז שוין צייט, אַז אָט די קאַרדינאַלע פראַגע פון אונזער פּאַרטיי־פּאָליטישער ווירקזאַמקייט, זאָל אויפגעוויקעלט און פאַרענטפערט ווערן אין איר גאַנצער פּרינציפּיעלער און פּראַקטישער באַדייטונג. צו וואָס אָבלייקענען? אין אונזער מחנה זיינען אָט דיביידע מיינונגען פאַראַנען, דערפאַר איז נויטיג קלאָרקייט אָן שום פאַרפּלאָנטעריש, מחמת צווישען ביידע דעות געפינט זיך אַ טיפער און ברייטער תהום, וואָס איז שווער צו פאַרשיטען.

איינע פון די מיינונגען זעט דאָס ציל פון אונזער פּועלי־ציוניסטישער באַוועגונג אין קיום האומה — אין אַ עפענטליך רעכטליכער „היימשטעטע״ פאַר׳ן יודישען פאָלק אין ארץ ישראל, און נאָר אויף אַזוי לאַנג, ווי ס׳ווייזט זיך אויס פאַר אוממעגליך דאָס גאַנצע יודישע פאָלק אין פּאַלעסטינא צו באַזעצען, וויל זי אין די גלות־לענדער דעם קאַמף פאַר פּאָליטישער פרייהייט און קעגען עקאָנאָמישער אונטערדריקונג, בני לבני אויך דעם קאַמף פאַר׳ן סאָציאַליזם. ס׳איז דערפאַר קיין חידוש נישט, וואָס די חסידים פון דער דאָזיגער אויפפאַסונג, וועלכע נעמען אָן צומאָל אַ פּול מויל מיט ראַדיקאַלע, באָלשעוויקישע ווערטער — זען דעם גורל פון׳ם יודישען פּראָלעטאַריאַט ענג צונויפגעקניפּט מיט׳ן גורל פון׳ם ציוניזם. ס׳איז אויך ווייטער קיין חידוש נישט, וואָס אָט זיי ווילען תמיד דעם פּועלי־ציון־פאַרבאַנד באַטראַכטען פאַר אַ אָרגאַניזאַטאָרישען טייל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, בדאי אויף פעדעראַטיווע יסודות. נישט קוקענדיג דערויף, וואָס דער פּראַקטישער פּועל יוצא פון אָט דער שיטה איז זער קאָנסעקווענט, איז דאָך איר פאָראויסזעצונג לגמרי אַ פאַלשע, מחמת זי וויל דעם ציוניזם אָפּגעבען דעם כבוד פון אַ איבער־קלאַסען־אידעאַל, ד. ה. אַ אידעאַל וואָס זאָל — לויט זייער מיינונג — ארומנעמען אַלע קלאַסען, און ניט רעכענדיג זיך מיט׳ן עקאָנאָמישען „תוהו ובוהו״ פון דער געזעלשאַפט, צוזאָגען אַלעמען, אַ יעדען די איינציגע, גלייכע און אמת׳ע באַפרייאונג. נאָך אָט דער דאָזיגער שיטה איז דער ציוניזם די איינציגע גאולה, סיי פאַר די יודישע ארבייטענדיגע מאַסען, סיי פאַר דער יודישער בורזשואזי, וואָס ציט איר חיונה פון פרעמדער אַרבייט: מהאַ טעמא איז די ציוניסטישע באַוועגונג פריי פון אַלע קלאַסען־סתירות, אַזוי אַז די יודישע ארבייטערשאַפט וואָלט באַדאַרפט פאַרנעמען דעם גאַנצען „אויבען אָן״ אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

לפי אָט דעם געדאַנקענגאַנג צופאַלט זיך אונזער פּראָגראַם אין צוויי טיילן, וואָס האָבען מיט איינאַנדער קיין שום שייכות ניט, און זענען אפּטמאָל סותר איינער דעם אַנדערן, א גלות־פּראָגראַם, וואָס באַשטייט פון קלאַסענקאַמף און סאָציאַליזם, און א פּאַלעסטינאַ־פּראָגראַם, וואָס אנטהאלט אין זיך דעם קלאַסען־שלום און דעם ציוניזם. אין די לענדער פון יודישער מאַסען־זידלונג זאָל דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער קלאַסענקאַמף ענערגיש (אַ טייל חסידים פון דער ריכטונג מיינען אפילו אויף א באָלשעוויקישען אופן) געפירט ווערן. דערפאַר אָבער זאָל דאָס ערבערן און דאָס אויפבויען פון פּאַלעסטינא פארווירקליכט ווערן בשלום ושלוה מיט דער יודישער בורזשואזי. כאָטש אויך דאָ ריידען איינינע פון אונזערע חברים, פון קלאַסענקאַמף, פון איינווירקען, באאיינפלוסען, יאָ אפילו פון אויסקעמפען סאָציאַליסטישע רעפאָרמען אין פאלעסטינא. וואָס קומט אָבער ארויס דערפון, ווען ס׳זיינען קיינמאָל ניט פאראן די קאנקרעטע מעגליכקייט פאר אזא קאמף, ווייל אויב מ׳מאַכט אָפּהענגיג דאָס פאַרווירקליכען פונ׳ם ציוניסטישען אידעאל אין אלע זיינע פרטים פון דער עקאָנאָמישער און פאָליטישער ווירקזאַמקייט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזציע, דעמאָלט איז זער שווער מעגליך צו באאיינפלוסען זי מצד פון פּראלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס. אָט די שיטה באַטראַכט דעם פועלי־ציוניזם פאַר אַ ציוניסטישסאָציאַליסטישער באַוועגונג פונ׳ם יודישען פּראלעטאריאט.

אַקעגענאיבער דער דאָזיגער אויפפאַסונג שטייט די אַנדערע שיטה, וואָס זעט אינ׳ם וועלטפּאַרבאַנד גאר ניט מער ווי נאר די אלוועלטליך־אָרגאַניזירטע יודישע סאָציאַליסטישע ארבייטער־באַוועגונג. די אַנהענגער פון אָט דער שיטה באַטראַכטען די סאציאליסטישע געזעלשאַפט פאר דעם ציל פון אונזער באַוועגונג. דאָס דערגרייכען פון דעם ציל איז, לויט זייער מיינונג, מעגליך נאָר דורך די סאָציאַליסטישע מעטאָדען פון קלאַסענקאַמף. די פועלי־ציוניסטישע באַוועגונג, באַשטרעבענדיג זיך מיט א נצחון דורכצופירן דעם קלאַסענקאַמף פונ׳ם יודישען פּראלעטאַריאַט אויף אלע געביטען פון דער יודישער ווירקליכקייט — מוז זיך רעכענען מיט דער אייגענאַרטיגקייט און באַזונדערקייט פון די פּראָדוקציע־ און ערווערבס־באַדינגונגען, אין וועלכע ס׳ווערט דורכגעפירט דער קלאַסענקאַמף פון דער יודישער אַרבייטערשאַפט אנטקעגען דער יודישער בורזשואזי. אלע פּראבלעמען פון דער יודישער ווירקליכקייט, דער נויטווענדיגסטער שוץ פאַר זייער נאַציאָנאַלער מינאָריטעט, די אָפּוועהר פון די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע רדיפות, ווי וויט זיי טראָגען א נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, די פּראָדוקטיווירונג פונ׳ם יודישען המון, כדי צו פארמיידען די וואַנדערונג, דאָס רעגולירן פון דער וואַנדערונג פון יענע יודישע פאָלקסטיילן, וואָס זיינען געצוואונגען דערצו, זיי אַלע זיינען אין א גלייכען מאָס אינטעגראַלע חלקים פון אונזער פּראָגראַמאַטישער־טעטיגקייט. ווייל מיר זיינען די סאציאליסטישע קלאסענפּארטיי פונ׳ם יודישען פּראלעטאַריאַט. דערפאר ווייל מיר האָבען פאַרשטאַנען, נעמענדיג אין בעטראַכט, אז די יודישע ווירקליכ־

קייט, וועלכע דריקט שטענדיג אויף דעם יודישען פאָלקסלעבען, איז נאָר אַ פועל יוצא פון דער ניטנאָרמאַלער יודישער פאָלקסווירטשאפט, באַשטרעבט זיך אונזער באַוועגונג ראדיקאל איבערצואנדערשען אונזער גאנצע ווירטשאַפט דורך דער קאנצענטראציע פון די יודישע וואנדערנדיגע מאסען קיין פאַלעסטינא, וואָס איז מסוגל דערצו, הן אויס געאָגראַפישע און עטנאָגראַפישע, הן אויס פאָלקסווירטשאפטליכע טעמים.

אויב מיר זיינען בכן געקומען צו דער דערקענטעניש, אַז דער פועלי־ציון־פארבאנד — די פארטיי פונ׳ם יודישען פראָלעטאריאט — מוז זוכען צו דערגרייכען די טעריטאָריאלע לעזונג פון דער אזוי אָנגערופענער יודענפראגע אין פאלעסטינא, אזוי טאָרן מיר אויף קיין איין רגע ניט פארגעסען אָן דער סאָציאליסטישער תורה פון דער קלאַסענגלידערונג אין דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט. דער פאקט, וואָס אין א באשטימטען צייטאָפּשניט פון דער געשיכטליכער אנטוויקלונג מוזען ביידע קלאסען פונ׳ם יודישען פאָלק, עקספּלואטאטארן און עקספּלואטירטע, שטרעבען צו איין און דער זעלבער ציוניסטישער לעזונג פון דער יודענפראגע, טאר אונז ניט די אויגען פארבלענדען, מיר זאלן ניט זען דעם ברייטען תהום און דאס פארשידענקייט פון ביידע כלומר׳שט גלייכע באשטרעבונגען.

די בורזשואַזי זוכט אין „לאנד פון אבות" אייציפונדעוען און צופארפעסטיגען איר ממשלה, וואס איז געבויט אויף עקספּלואטאציע, ניט מורא האבענדיג פאר דער קאָנקורענץ פון די קאַפּיטאליסטען פון אנדערע אומות. פריוואטאייגענטום און „פרייע" ארבייט — באמת הייסט דאס ביליגע ארבייט — זיינען די גרונד־יסודות אויף וועלכע די ציוניסטישע בורזשואזי וויל אויפבויען די „עפענטליך־רעכטליכע" היים. דאס יודישע פראָלעטאַריאט וויל אין דעם האלב אגרארן — האלב אינדוסטריעלן לאנד פאַלעסטינא באזעצען יענע טיילן פונ׳ם יודישען פאָלק, וועלכע דער קאַפּיטאליזם האט פון זייערע פרנסות ארויסגעווארפען און געצוואונגען צו וואנדערן. ס׳ליגט אינ׳ם קלאסענאינטערעס פון די יודישע ארבייטער, וואס עמיגרירן און וואס בלייבען אין דערהיים, צו פארכאפען אינ׳ם אריינוואנדערונגסלאנד פלעצער אין דער לאנדווירטשאפט און בכלל אין דער ערשטער פראָדוקציע, און דאָרט צו געפונען אזא באשעפטיגונג, וואס שטעלט אוועק די יודישע פאָלקסווירטשאפט אויף ברייטע, שעפערישע, געזונטע יסודות. בלל־אינטערעס און כלל־אייגענטום, ארבייטספליכט פאר אלע, זיינען די נויטיגע הנחות דערצו. אזוי איז אויך דא שולט דער אומ׳ברחמנות־דיגער געזעץ פון קלאסענגלידערונג.

די אנהענגער פון אט דער אויפפאסונג מוזען זיך ארויסזאגען מיט דער גרעסטער שארפקייט אקעגען וועלכער ס׳ניט איז שותפות׳דיגקייט פון אירעען און קאמף מיט דער יודישער בורזשואזי, און אפילו אקעגען דער שותפות׳דיגקייט מיט אזעלכע „אידעאליסטען" אין דער ציוניסטישער ארגאניזאציע ווי למשל מאקס נארדוי אליין. מיר האלטען א יעדע סמיכות־הפרשיות פון דעם מין פאר מסוכן, ניט נאר וועגען דעם פארטונקעלטען

קלאסענבאוואוסטזיין און במילא אויך מסוכן פארן נצחון אין דעם קלאסענ־קאמף פונ׳ם יודישען פראלעטאריאט, נאר זי מוז אויך ברייננען גאר א שטארקען שאדען דער פארווירקליכונג פונ׳ם פראלעטארישען ציוניזם ווי מיר פארשטיין און ווילן אים. דער יודישער פראלעטאריאט טאר זיך קיינמאל ניט האדעווען מיט דער געפערליכער אילוזיע, אז דער ציוניסטישער אידעאל איז פאר אים און פאר דער יודישער בורזשואזי עפעס א בשותפות׳דיגע זאך. ס׳איז דאך שוין היינט פאר א יעדען סאציאליסטיש דענקענדיגען מענ־שען, וואס גיט זיך אפ א ניכטערנעם דין וחשבון, קלאר, אז די ציוניסטישע בורזשואזי וועט גיכער באשעפטיגען אראבישע, טערקישע, מצרים׳שע איידער יודישע ארבייטער. די אראבער, וואס שטייען אויף אסך א נידעריגערער קולטור־מדרגה, זיינען ראשית ביליגער והשנית דיסציפלינירטער, ד. ה. ווייניגער באוואוסטזיניג.

דערפאר זאגען מיר, וואס פארשטייען אונטערן פועלי־ציוניזם די קלאסענבאוועגונג פונ׳ם יודישען פראלעטאריאט פאר זיין סאציא־לער און נאציאנאלער באפרייאונג, פרינציפיעל זיך ארויס קעגען דעם, צו זיין א אידעאלאגישער אדער ארגאניזאטארישער טייל פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע.

פונקט אזוי ווי מיר וואלטען עס אפגעווארפען אנטייל צו נעמען אין א יודיש־בירגערליכער ארגאניזאציע, וועמענס ציל ס׳איז, באקעמפען דעם אנטיסעמיטיזם, כאטש אדער מחמת מיר אליין זיינען תמיד באשטרעבט מיט אלע כחות צו באשיצען די יודישע ארבייטענדיגע מאסען פאר׳ן אנטי־סעמיטיזם; פונקט אזוי ווי מיר וואלטען עם געמוזט אפווארפען צוצוגעהערן צו א רעפובליקאנישער ארגאניזאציע, כאטשי אדער דוקא ווייל אונז אליין איז די רעפובליקאנישע מלוכה־פארם חשוב׳ער איידער א מאנארכיסטישע, פינקט אזוי מוזען מיר אויך אפווארפען צו זיין א טייל פון דער ציוניסטי־שער ארגאניזאציע, ניט קוקענדיג דארויף, וואס מענשען אן א סאציאליס־טישען חוש קאן זיך אויסדאכטען, אז ציוניסטען און פועלי־ציון שטרעבען אן איינס און דאסזעלבע.

דערפאר וועט די קומענדיגע וועלטקאנפערענץ מוזען דעריבער אנט־שיידען: זאל אונזער וועלטפארבאנד זיין די קלאסענפארטיי פונ׳ם יודישען פראלעטאריאט, אדער א ציוניסטיש־סאציאליסטישע ארגאניזאציע?

אזוי און ניט אנדערש שטייט די פראגע.

ס׳איז אבער פאראן ביי אונז נאך א דריטע שיטה, וואס ווארפט אפילו יא אפ א אידעען־שותפות׳דיגקייט, אבער ניט א קאמפגעמיינשאפט מיט דעם בירגערליכען ציוניזם.

ווי אזוישע זאלן מיר פארווירקליכען דעם ציוניזם?

פון דעם ענפער אויף אט דער קשיא פון אונזער פראגראמאטישער טעטיגקייט וואקסט ארויס די דריטע ריכטונג אין אונזער פארבאנד.

בעת די ציוניסטיש־סאציאליסטישע ריכטונג, בלייבענדיג געטריי און קאָנסעקווענט צו אירע אנשויאונגען, וויל אפילו נישט הערן פון פראלעטארישען קלאסענקאמף ביי דער קאנקרעטער רעאליזירונג פונ׳ם ציוניזם; בעת די קלאסענקאמף־שיטה אונטער באראכאווס פירונג זאגט זיך ארויס, אז „דער פראָלעטארישער ציוניזם איז נאר דעמאלט מעגליך, אויב מ׳קען רעאליזירן דעם ציוניזם דורך קלאסענקאמף און דער ציוניזם איז מעגליך נאר דענסטמאלס, ווען דער פראלעטארישער ציוניזם איז מעגליך": אין דער גלייכער צייט פרובט זיך די דריטע שיטה צו מאכען א קאמפראמיס צווישען דיביידע געגענזעצליכע ריכטונגען. און אט די אומזיסטיגע באמיהונג, אויסצוגלייכען טיפע סתירות, כאראקטעריזירט דעם גאנצען ארט דענקען פון די דאזיגע חברים.

דאס זיינען אונזערע „רעאלפאליטיקער", די וואס קעמפען אין דער טעאריע קעגען די ציוניסטיש־סאציאליסטישע אויפפאסונג, און וואס א סך פון זיי שטייען אפילו אויף דעם לינקען פליגעל פון דער סאציאליסטישער וועלט־אנשויאונג, וואס געפונען אבער נישט קיין אנדערן וועג אין דער פראגע פון רעאליזירן דעם ציוניזם, ווי די ציוניסטען־סאציאליסטען: — דעם וועג קיין באזעל.

מיט צוויי מאמענטען ווילן זיי אונז איבערצייגען, אז זייער אויפפאסונג איז די ריכטיגע: מיט די אלגעמיינע ווירטשאפטליכע און פאליטישע מאכט־פארהעלטעניסען אין דער וועלט און מיט די ווירטשאפטליכע נויטווענדיג־קייטען און מעגליכקייטען פון דעם יודישען פאלק. זיי מיינען:

1) די וועלט ווערט היינט נאך באהערשט און געפירט פון די קאפיטאליסטען. די מאכטפארהעלטעניסען זיינען אזעלכע, אז עס איז אפהענגיג דוקא פון דעם קאפיליסטישען ענגלאנד, צי מיר קענען רעאליזירן אונזער פאלעסטינא־פראגראם צי נישט. אונזער וועלט־פארבאנד מוז צופאסען זיין פאָליטיק צו אט דעם פאקט, און אויב מיר ווילן, אז דער פעלקערבונד, אז ענגלאנד זאל אונז נישט שטערן רעאליזירן דעם ציוניזם, דאן מוזען מיר אין און מחוץ פאלעסטינא איינהאלטען א מיטלערע געמעסיגטע ליניע אין דער פאליטיק, מאכען א פאליטיק בהסכם און זיך רעכענען מיט די רעאלע פאקטען: ד. ה. קאנקרעט די פאליטיק פון דער ציוניסטישער וועלטארגאניזאציע.

דער ווירטשאפטליכער מצב פונ׳ם יודישען פאלק איז א זעלכער, אז נאר א באלדיגע ראדיקאלע, אין א ברייטען מאסשטאב דורכגעפירטע עמיגראציע און קאָלאָניזאציע אין פאלעסטינא קען אונז ראטעווען פון אונטערגאנג. אזא מין קאלאניזאציע פאדערט פון איין זייט פאָליטישע גאראנטיעס, ד. ה. די אנערקענונג פון דער יודישער נאציע און איר רעכט אויף פאלעסטינא, פון דער צווייטער זייט א גרויסען קאַפיטאל פאר דער ווירטשאפטליכער אויפבויאונג. דאס אלעס קען מען נאָר דערגרייכען דורך א שותפות׳דיגע אנשטרענגונג פון אלע כחות, וועלכע ווירקען אין יודישען פאלק לטובת דעם ציוניזם. דער פעלקערבונד וועט אנערקענען נאר דאס

גאנצע פאראייניגטע יודישע פאלק, אלע זיינע קלאסען איינעם. נאר די יודישע בורזשואזי קען באשאפען די נויטיגע קאפיטאלן. דער ציוניזם — בכן אויך דער פראלעטארישער — קען רעאליזירט ווערן נאר אין די ראמען פון דער ציוניסטישער וועלטארגאניזאציע. געוויס איז די פועלי־ציוניסטישע באוועגונג א קלאסען־באוועגונג פונ׳ם יודישען פראלעטאריאט, געוויס וואַרפען מיר אפ יעטוועדערע אידעען־שותפות׳דיגקייט מיט דער יודישער בורזשואזי; אבער די הארטע רעאלע ווירקליכקייט דיקטירט אונז שטרענג א צייטווייליגע קאמף־שותפות׳דיגקייט, און אזוי ארום מוזען מיר פארבלייבען אין דער ציוניסטישער ארגאניזאציע און דערווייל שליסען א קאאליציע מיט דער יודישער בורזשואזי.

ס׳איז דערביי זעלבסטפארשטענדליך, אז אין די גלות־לענדער פירן מיר ווייטער דעם קלאסענקאמף אן א אויפהער און מיט נישט פארקלייגער־טעם אימפעט, אז מיר שליסען מיט די בירגערליכע ציוניסטען א קאאליציע נאר צוליב דעם איינציגען צוועק: רעאליזירונג פונ׳ם ציוניזם, און אז די דאזיגע קאאליציע שטעלן מיר זיך פאר, ווי א גאנץ באזונדערע פארם פונ׳ם קלאסענקאמף. איגעווייניג אין דער ציוניסטישער ארגאניזאציע וועל מיר ביי דער רעאליזירונג פונ׳ם ציוניזם אפהיטען די אינטערעסען פונ׳ם יודישען פראלעטאריאט, וועלן מיר קעמפען פאר דער נאציאנאליזאציע פון דער ערד, פאר דער סאציאליזאציע פון דער אורפראדוקציע, פאר דער אויפבויאונג אויף קאאפעראטיוו־סאציאליסטישע יסודות.

דאס זיינען בערך די ארגומענטען פון די חברים־רעאלפאליטיקער. דערביי באמערקען זיי נישט, אז זייער פאליטיק איז נישט נאר פרעמד צו א יעדער פראלעטאריש־סאציאליסטישער רעאליטעט, נאר אז זי איז לחלוטין סותר אלע רעאלע מעגליכקייטען. —

אין דער אמת׳ן, צווישען דער אריענטאציע אויפ׳ן קאפיטאליסטי־שען פעיקערבונד מצד דער קאפיטאליסטיש דענקענדער און קאפיטאליסטיש האנדעלנדיגער יודישער בורזשואזי און צווישען דעם בענקעניש, שטיצענדיג זיך אויף אט די „רעאליטעטען״, אויפצובויען א האלב־ אדער גאנץ־סאציאליסטישע. פאלעסטינא, עפענט זיך א טיפער תהום. קיין שום קאאליציע־פאליטיק פונ׳ם גילדענעם מיטעלוועג קאן נישט בויען א גענוג פעסטע און זיכערע בריק, כדי אריבערצושפאנען איבער אט דעם אפגרונט־לויט אונזער מיינונג, קען דא העלפען נ׳אר קלאסענקאמף.

די חברים פון אט דער דריטער שיטה זען אויך נ׳ט, אז זיי לייגען אונז אייגענטליך פאר נישט מער און נישט ווייניגער, ווי אז מיר זאלען אריבערטראגען אין דער יודישער ארבייטערפאליטיק דיזעלביגע מסוכ׳נה קאאליציע־פאליטיק, וועלכע זיי אליין ווארפען „אנטשידען״ אפ אין סתם־סאציאליסטישע פראגען. און וואס איז, אייגענטליך, באשטאנען די סאציאליס־טישע קאאליציע־פאליטיק? — יעדער וועט מודה זיין, אז נאר אין דעם וואס מ׳האט געפרובט ארויסרייסען א געוויסען היסטארישען אפשניט פון דער אלגעמיינער געזעצליכער אנטוויקלונג, וואס מ׳האט גערעכנעט, אז אויף

א געוויסער, כאָטש אפילו קורצער צייט, קאָנען זיך אפשטעלן די סאָציאַלאָגישע געזעצען פון דער קלאסענצוטיילונג, פון קלאסענסתירות און פונ'ם קלאסענקאמף. נאר אין דעם, וואס אינ'ם מאמענט פון א סכנה, וועלכע זעט אויס צו שטייען פאר'ן גאנצען פאלק, אדער צוליב א אויפגאַבע, וועלכע דאכט זיך אויס אין א געגעבענעם מאמענט פאר א בשותפות'דיגע פאר אלע פאלקסקלאסען, — וואס אין אזא מין מאמענט פרובט מען פארבייטען דעם קאמף איינער קעגען דעם אנדערן אויף א קאמף איינער פאר דעם אנדערן. תמיד האט מען אונז דערציילט: אט די געמיינזאמע סכנה, ווילן און מוזען מיר בייקומען איניינעם; די געמיינזאמען אויפגאבען קענען און מוזען מיר נאר בשותפות דורכפירן.

אט דאס גלייכע ראטען אונז די חברים-רעאלפאליטיקער. זיי מיינען, אז דעם ציוניזם, צו וועלכען מיר שטרעבען גלייך מיט דער יודישער בורזשואזי, און וועלכער איז אונזער איינציגע רעטונג, קען מען לעת עתה נאר פארווירקליכען בשותפות מיט דעם בורזשואזען ציוניזם. דעריבער מוזען מיר זיך אנטשליסען דערצו. „אט די קאאליציע איז א נויטווענדיגקייט, כאטש אפילו א ביטערע": אזוי אנ'ערך פרובען זיי מצדיק צו זיין זייער טאקטיק, אין אמת'ן אבער איז און בלייבט עס קאאליציאנס-פאליטיק.

אונז דאכט זיך, אז ס'איז די דרינגענדסטע נויטווענדיגקייט, דעם דאזיגען אמת אריינצוברייגנען אינ'ם באוואוסטזיין פון אונזערע חברים.

און איצט צום הויפט-אַרגומענט!

די מאכטפארהעלטענישען אין דער וועלט.

אויף ווי וויים מיר האבען אין זינען נישט נאר די בלויזע געוואלט-מיטלען, די איצטיגע פאליטישע סיטואציע, די סטאטיק, דעם היינט, ווי עטוואס אומפארענדערליכעס, וואס בלייבט אויף אייביג קאנסערווירט; אויף ווי וויים מיר האבען אין זינען די רעאלע מאכט-פארהעלטענישען פון די ווירטשאפטליכע כחות, וואס ווירקען אין אייראפע, און זייער אנטוויקלונג — זיינען מיר איבערצייגט אין א פולשטענדיגער מפלה פונ'ם קאפיטאליזם און אין דער נאָנטער הערשאפט פונ'ם פראלעטאריאט אין דער אדער אין אנ'אנדער פארם.

אָט די איבערצייגונג מאכט פאר אונז אוממעגליך, צוזאמענצובינדען די רעאליזירונג פונ'ם ציוניזם, וועלכען מיר שטעלן זיך אויך פאָר ווי א פראצעס פון דער אנטוויקלונג, מיט דעם גורל פון דער קאפיטאליסטישער ווירטשאפטסארדנונג. די אלוועלטליכע רעוואלוציע איז פאר אונז נישט קיין פראזע, נאר א ווירקליכקייט. מיר זעען, ווי זי דערנענטערט זיך פאמעליך אין פארשידענע געשטאלטען. דעריבער ווילן מיר נישט אויפבויען די רעאליזירונג פונ'ם ציוניזם אויף דער אפשטארבענדיגער בירגערליכער אָרדנונג.

צוליב דיזעלבע טעמים זעען מיר די נויטווענדיגקייטען און די מעגליכקייטען פונ'ם יודישען ארבייטערקלאס גאר אין א אנדער מין באלייכטונג.

נישט אין די קאפיטאלן פון דער יודישער בורזשואזי. זען מיר די איינציגע מעגליכקייט פאר דער רעאליזירונג פונ׳ם ציוניזם. א ארבייטערבאנק האלטען מיר געווים פאר נויטווענדיג, אבער אין קיין פאל נישט אויף אזוי פיל, אז מ׳זאָל, כאטש אויף איין אויגענבליק אפשטעלן דעם קאמף קעגען דער יודישער בורזשואזי אין — און א חוץ פאלעסטינא.

מיר זיינען אויך געצוואונגען זיך אפצולערנען פון דער געשיכטע פון דער קאפיטאליסטישער אנטוויקלונג דעם פאר אונז זייער נוצליכען פשט, אז דער פעלקערבונד, דורך וועלכען מאנדאטאר ער זאל נישט זיין פאר־טרעטען, וועט מאכען פון פאלעסטינא נישט קיין יודישע מלוכה, נאָר א ענגלישע אדער פראנצויזישע קאלאניע. און נאך איין אמת מוזען מיר דא רופען אין זכרון אונזערע חברים: די יודישע בורזשואזיע האט נישט בדעה צו פארענפערן דאס פראָבלעם פונ׳ם יודישען עקסטעריטאָריאליזם, נאָר זי זוכט אין פאלעסטינא א מקום מקלט פאר אירע פראָפיטען, וואס זיינען אומזיכער געווארן אין די גלות־לענדער. נישט קיין יודישע ארבייט נאר ביליגע ארבייטסקראפט זוכט זי דארט. נישט דעם פראלעטארישען ציוניזם און אויך נישט דעם ציוניזם, ווי ס׳פארשטייט אים דער ברייטער יודישער קליינבירגערליכער המון, וועט די יודישע בורזשואזיע רעאליזירן אין פאלעסטינא. ניין! דוקא פאר דער רעאליזירונג פונ׳ם באזעלער פראגראם איז דער יודישער קאפיטאל נישט די פאסיגע באבע.

אזוי ארום זען מיר, אז די רעאלפאליטיק פון אונזערע „מיטעלע" חברים האט קיין שום רעאלן באָדען נישט.

די מורא׳דיגע נויט, די שרעקליכע יסורים, וואס ס׳מוזען ליידען די יודישע פאָלקסמאסען אין די גלות־לענדער, ברייגען דערצו, אז א טייל פון אונזערע חברים קוקען צוטומעלט אריבער קיין פאלעסטינא, אין דעם לאנד פון האפנונגען און חלומות, און זיינען גרייט פותר חלום צו זיין יעדען ריר דאָרט און צו האלטען אים פאר א סימן פון ביאת המשיח. דערביי קוקען זיי אוועק פון דעם פאקט, אז א יודישע קאלאניע מיט ארא‌בישע ערד־ארבייטער, א יודישע פאבריק מיט אַראבישע לוינשקלאפען, א העבּ־רעאישע אוניווערזיטעט פאר יודישע בעלי־בית׳שע זונדלעך, א נאציאנאלבאנק, וועמענס פארמעגען ס׳געפינט זיך נישט אין רשות פונ׳ם יודישען פאלק, נאר אין די הענט פון א פארטייקליקע, און א פארלאמענט־סוראגאט, וואס ווערט, זייענדיג נאך גאנץ מאכטלאז, שוין באהערשט פונ׳ם נידעריגסטען סעקטענגייסט — אז דאס איז אלץ, וואס איר ווילט, נאר נישט קיין פראלעטארישער ציוניזם.

ווי אזוי׳זשע, הייסט דאס, ווילן מיר פארווירקליכען דעם פראלעטארישען ציוניזם?

זאלן מיר אפשר ווארטען אויף דער אלוועלטליכער רעוואלוציע?

און ביז דעמאלט?

ווארטען, פאסיוו צוקוקען איז איבערהויפט נישט קיין סאציאליסטישע מעלה.

קוים האבען מיר פעסטגעשטעלט די היסטארישע נויטווענדיגקייט, פארשטאנען אירע אנטווינקלונגס־טענדענצען — דאן איז עס אונזער חוב צו זיין די געבורטסהעלפער.

אונזער וועלטקאנפערענץ וועט מוזען מיט א זיכערער האנד ווייזען דעם יודישען פראלעטאריאט דעם וועג צו זיין באפרייאונג. די דערקענטעניש אז מיר לעבען אין דער עפאכע פון דער אלוועלטליכער פראלעטארישער רעוואלוציע (אין אירע פארשידענארטיגע פארמען), דיקטירט אונז אונזערע מעשים.

דער וועלטפארבאנד וועט מוזען תיכף אנהויבען:

אומעטום, וואו ס'איז שוין איצט מעגליך, מוזען געשאפען ווערן יודישע ארבייטערראטען, וואס דארפען זיך פאראייניגען אין לאנדעס־ארגאניזאציעס, וועלכע מוזען ווידער צונויפגענומען ווערן אין א אלוועלטליכער ארגאניזאציע. די יודישע ארבייטערראטען וואלטען געהאט תיכף דורכצופירן די פאלגענדע אויפגאבען: צו פארטיידיגען די מינאריטעטענרעכט פון די יודישע ארבייטער, צו פארווירקליכען די פראלעטאריש־נאציאנאלע זעלבסטפארוואלטונג, דורכצופירן די אומשיכטונג פון די יודישע פראפעסיעס, צו פראדוקטיווירן די יודישע האלבפראלעטארישע שיכטען, צו רעגולירן די יודישע עמיגראציע און אנצוהויבען די קאלאניזירונג פון פאלעסטינא.

דארט, וואו ס'ווייזט זיך לעת־עתה ארויס די שאפונג פון יודישע ארבייטערראטען פאר נישט מעגליך, וועט אונזער וועלטפארבאנד מוזען שאפען צוזאמען מיט די אנדערע פראלעטארישע פארטייען און ארגאניזאציעס אזעלכע אינטערפארטייאישע אינסטיטוציעס, וועלכע וועלן צוטרעטען צו א תיכף'דיגער רעאליזירונג פון די איבענדערמאנטע אויפגאבען.

אין יענע ערטער אבער, וואו די שאפונג פון אט אזעלכע שותפות'דיגע אינסטיטוציעס וועט זיך אנשטויסען אויף דעם ווידערשטאנד מצד אנדערע פראלעטארישע פארטייען, דארט מוז אונזער וועלטפארבאנד מיט דער הילף פון אונזערע לאנדעס־ און לאקאלארגאניזאציעס שאפען די קערנדלעך פון אט די שותפות'דיגע אינסטיטוציעס, וואס מוזען דערוויילע, ווי ווייט מעגליך דערפולען די אויפגאבען פון א יודישען ארבייטערראט און צוגרייטען דערמיט דעם באדען פאר א יודישען ארבייטערראט.

דורכדעם וועלן מיר פארבינדען דעם גורל פון די יודישע ארבייטענ־דיגע מאסען מיט'ן גורל פונ'ם אינטערנאציאנאלן פראלעטאריאט, וועלכער קעמפט פאר דער אלוועלטליכער רעוואלוציע.

דאס אנטיילנעמען אין אט דעם קאמף הערט אויף צו זיין נאר א גלות־פראגראם. אונזער קאמף פאר דער אלוועלטליכער רעוואלוציע איז גלייכ־צייטיג אויך דער קאמף פאר דעם יודישען ארבייטערראט, וועלכער וועט באהערשען די יודישע ווירקליכקייט. חוץ דער פאליטישער מעגליכקייט וועט אונז די ארגאניזאציע פון יודישע ארבייטערראטען אויך געבען די

ווירטשאפליכע און פינאנציעלע מעגליכקייטען דורכצופירן די קאלאניזאַציע פון פאלעסטינע אין א ברייטען מאסשטאב און אויף דער סאָלידער גרונדלאגע פון כלל־אייגענטום.

פון דער צווייטער זייט פירט דער דאזיגער וועג צו א אינטענסיווער זעלבסטהילף און גיט די יודישע ארבייטערמאסען די מעגליכקייט צו באשטימען זייער אייגענעם גורל. ווי קליין ס'זאלן נישט זיין די פינאנציעלע מיטלען, וואס דער יודישער ארבייטערראט קען צוזאמענברייגנען אין די לעת עתה נאך קאפיטאליסטישע לענדער, ווי קליין ס'זאלן נישט זיין די כחות, וועלכע זיינען אין רשות פון אונזער וועלטפארבאנד — די פארוועגדונג פון אט די מיטלען און כחות אין די אינטערעסען פון דעם יודישען פראַלעטאריאט וועט אונז נענטער ברייננען צו דער רעאליזירונג פונ'ם פראלעטארישען ציוניזם, איידער די קאאליציע מיט די בירגערליכע ציוניסטען.

דער אקטיווער קאמף פונ'ם יודישען פראלעטאריאט פאר דער אל־וועלטליכער פראלעטארישער רעוואלוציע, א אלוועלטליכע אויף זיך זעלבסט באזירנדע יודישע ארבייטערארגאניזאציע, וואס האט צו זיך אליין פארטרויען און אונזער וועלטפארבאנד אלס איר צילבאוואוסטער פארקעמפער — דאס זיינען די קאנטורען פון די מיטלען און פונ'ם וועג, וועלכע פירן צו דער רעאליזירונג פונ'ם פראלעטארישען ציוניזם.

VI. די שפּראַכענפראגע.

די „שפראַכענפראגע" איז אין תוך גענומען א פּראָבלעם נאר פאר — זאָגען מיר עס אָפען ארויס — העברייאיסטען און אַסימילאַנטען.

פאַר אונז אָבער יודישע פראָלעטאריער איז בלויז פאראנגען די שפּראך (נישט די שפראַכענפראגע) פונ'ם יודישען פראָלעטאריאַט, דער בלי שום ספק'דיגער קולטור־אוצר פון די ארבייטענדיגע יודישע פאָלקסמאַסען: די יודישע שפראַך.

און פונקט אזוי ווי ס'איז פאר אונז נישט קיין פראָבלעם דאָס יודישע פראָלעטאַריאַט אליין, נאר א לעבעדיגער געשיכטליכער פאקט, פונקט אזוי איז אויך נישט קיין פראָבלעם, נאר א לעבעדיגער פייערליכער פאקט די קולטור און די שפראך אין וועלכער ס'אנטפּלעקט זיך פאר אונז דער יודישער פראָלעטאריער ווי א אקטיווע געשיכטליכע אינדיווידואליטעט. אן די אויבינע אמת'ען פון דער יודיש־פראלעטארישער קולטור מוזען מיר אָנקניפּען, זי ווייטער בויען אויף די יסודות פון איר געשיכטליכען מקור און אַזוי אַרום דערגרייכען צו דער העכסטער קולטורמדרגה.

און דער יודישער פראָלעטאַריאַט מעג שוין היינט שטאָלץ זיין אויף זיין אייגענער קולטור און אויף זיין אייגענער יודישער שפראך. איז זי דען נישט אנטשטאנען דעמאָלט, ווען גרויסע טיילן פונ'ם יודישען פאָלק האָבען פארלאָזען דעם בית המדרש און די ישובה, ווען זיי זיינען אַראָפּ פונ'ם שווער'ם קעסט און האָבען זיך געמוזט נעמען צו א מלאכה? האָט זי זיך דען נישט אָנגעהויבען צו אנטוויקלען דעמאָלט, ווען טעכטער פון די

האלבפראלעטארישע פאלקסטיילן האבען געמוזט אין א גאר גרויסער צאל גיין „דינען״? און האט זי דען נישט געהאט איר שטארקסטע עליה ווען די יודישע מלאכה האט געבליט. און דער יודישער פראלעטאריאט, פארשטייענדיג זיין געשיכטליכע אויפגאבע, האט באנוצט די יודישע שפראך פאר א כלי זיין אין זיין קלאסענקאמף? די געשיכטע פון דער יודישער שפראך איז די געשיכטע פונ׳ם אנטשטייען, פון דער עליה און פונ׳ם העלדענמוטיגען קאמף פון די ארבייטענדיגע יודישע מאסען, פאר זייער מאטעריעלער און גייסטיגער עמאנציפאציע.

יודישע קולטור און יודישע שפראך הייסט פראלעטארישע קולטור, פראלעטארישע שפראך. דערמיט זיינען מיר יודישע פראלעטאריער אין א בעסערער לאגע איידער אונזערע קלאסען־חברים פון אנדערע פעלקער. אויב אונזערע קלאסענברידער האבען מיט זייערע אונטערדריקער א בשותפות־דיגע קולטור און א בשותפות׳דיגע שפראך, אזוי זיינען מיר דערפון פארשוינט געווארן. אויב די דייטשע בורזשואזי קען א סך מאל ארייננארן די „גייסטיגע״ ארבייטער, די אינטעלעקטועלע אין איר לאגער, דאדורך, וואס זי וויזט אן אויף דער דייטשער קולטור, אויף די גרויסע דייטשע דיכטער געטע און וואגנער, אזוי קאן דער יודישער בורזשואזי אזא מין מאנעווער נישט געלונגען, שוין דערפאר, ווייל ביי אונז ריידען עקספלואטאטאר און עקספלואטירטער אין צוויי פארשידענע שפראכען.

צוויי? ניין, די יודישע בורזשואזי ריידט דאך אלע לשונות וואס זיינען פאראן אויף דער וועלט, נאר חלילה נישט די יודישע. דאס אלץ איז אזוי קלאר, אזוי איינפאך און אזוי ריכטיג, אז מען וואלט בכלל נישט נויטיג געהאט דאריבער צו דעבאטירן.

און פארט — ווי אומגלויבליך ס׳זאל נישט קלינגען — זיינען אין אונזערע רייען פאראן מענשען, וועלכע זיינען אנטי־יודישיסטען, יא, אויך העברייאיסטען אפילו!

ווי אזוי דאס איז מעגליך? פראסטע פשוט, דורך א שיפסקארטע פון אדעס קיין חיפה. אין קיעוו, באַרדיטשעוו, ווארשע, מינסק, מאסקווע, יא אפילו אין סאמארא האבען זיי אלע פארלאנגט יודישע שולן אין יודישער שפראך, געקעמפט פאר זיי און אויך אליין א זעלכע געשאפען. קוים אבער האבען זיי אין האנט אריין באקומען א שיפסקארטע קיין פאלעסטינע, אזוי זיינען זיי אויף א מאל געווארן . . . אנטי־יודישיסטען־העברייער.

אין ווארשע א יודישיסט, אין פאלעסטינע א העברייאיסט. וואס פאר א גרויסע צאל פון אונזערע חברים זיינען דורך דעם שוין גייסטיג לאיבוד געגאנגען? און ווי פיל וועלן נאך דערליידען דעמזעלבען גורל? זיי פילן גאר ניט, וואס פאר א שרעקליכע אפשפעטונג פון אונזער פועלי ציוניס־טישער אידע ס׳שטעקט אין זייער העברייאיזם.

פאלעסטינע הערט אויף צו זיין די פארענפערונג פון דער עקסטעריטאריאליטעט פונ׳ם יודישען פאלק; פועלי ציוניזם באטייט ביי זיי בלויז נאך יציאת מצרים, מיר הערן אויף צו

זיין יודען, מיר ווערן העברייער. מיר הערן אויף צו ריידען די שפּראַך פון׳ם גלות, מיר הויבען אָן צו ריידען דעם לשון הקודש פון׳ם הייליגען לאנד. זיי באמערקען גאָר נישט דערביי, אז זיי הייסען דעם יודישען אַרבייטער ניט מער און ניט ווייניגער, ווי זיך — — — אסימילירן. וואנדערנדיג קיין מערב נעמט זיך מיט דער יודישער אינטעלעקטועלער א דייטש־פראנצויזיש אָדער ענגליש ווערטערבוך. דער יודישער ארבייטער אבער פירט מיט זיך אויף זיין נסיעה קיין אמעריקע ניט מער ווי זיין אַרבייטס־כח און זיין . . . מאַמע־לשון. אויפ׳ן וועג קיין פאלעסטינע ווילן אָבער א טייל פון אונזערע חברים דעם יודישען פראלעטאריער מיטגעבען א העברייאיש ווערטער־בוך.

און די זעלביגע ריידען פון אַ יודיש צענטרום, זיי ריידען פון א מאַסען־ישוב.

פאר אונז באטייט פאלעסטינע די פארטזעצונג, קאנצענטראציע און די וייטערדיגע אנטוויקלונג פון דער יודישער פראלעטארישער קולטור, וועלכע איז דורך אונזער בלוט און טרערן געבוירן און אויפגעצויגען געווארן. פאר אונזערע העברייאיסטען מוז דער יודישער פראלעטאריער אין אָדעס, א חוץ דעם פייכטען קעלער, די דומפיגע קליינע פאבריקלעך, דעם ביטערן הונגער אויך איבערלאזען זיין שפראך און זיין קולטור.

פאר אונז איז פאלעסטינע דער מאטעריעלער יסוד, אויף וועלכען מיר זאָלן ברייגנען אונזער אייגענע קולטור אויף א העכער מדרגה. אונזערע העברייאיסטען מיינען אָבער, אַז מיר מוזען זיך צוערשט טובל זיין אין די וואסערן פונ׳ם ירדן, כדי געלויטערט און גערייניגט מקבל צו זיין די נייע העברייאישע קולטור אויפ׳ן הר הזיתים. און דאָס זיינען די אייגענע חברים, וועלכע האָבען אין די גלות־לענדער געקעמפט פאר יודישע שולן! מ׳כאפט זיך פאר׳ן קאָפ! פאר וואס זיינען אט די דאזיגע לייט ניט געגאנגען אינאיינעם מיט׳ן ראַבינער מאַזע, דעמאלט ווען ער האט אין מאסקווע געשאפען העברייאישע שולן? האבען זיי דען ניט געהערט פון דעם פארצווייפעלטען האַרטען שפראַכען־קאמף פון די רוסלענדישע און אוקראינישע פוע״צ אַקעגען די ציוניסטישע מערהייטען פון די יודישע קהל־שטיבלעך? א חרפה עד אין לשער: יודישע צייטונגען קאָנען ניט געדרוקט ווערן אין פאלעסטינע.

אַזוי ווילן עס, ניט חלילה באָלשעוויסטישע פאָלקס־קאמיסאַרן, נאר דער רצון פון די פירער פון אחדות העבודה — געוועזענע פ״צ. דער חבר רעוואוצקי, טאָר אין א פועלי־ציוניסטישער פארזאמלונג ניט ריידען יודיש. דעם חבר נתן ווערט פאַרזאָגט, ביי אַ באַראַכאָוו־יארצייט צו ריידען יודיש איבער באָראָכאָוו.

אונזער וועלט־קאנפערענץ זאל ניט דאריבער אנטשיידען צי פאלעסטינע זאָל ווערן דאָס לאנד פון דער יודישער ארבייט און יודישער קולטור — דאָס איז דאך דער א׳ און דער ת׳ פון אונזער פועלי־ציוניסטישער תורה — נאָר אָט דאָס זאָל די וועלט־קאנפערענץ באשטימען, צי א זעלכע,

וואָס ווילן פון פאלעסטינע מאכען א לאנד פון א העברייאישער נאציע, צי זיי האָבען פלאַן אין אונזערע רייען.

און די שפראכען־פראַגע?

דאָס וועלן די ערשטע פינפציגטויזענט אימיגראנטען ממילא גרונטליך פארענפערן.

איך דערמאָן מיך: ס'איז געווען אין די יאָרן 1908 — 10, די יודישע ליטעראַרישע געזעלשאַפט אין פעטערבורג האָט דעמאָלט געמאכט א גרויסען ליטעראַרישען אָוונט. ס'האָט זיך אנגעהויבען א היים פייערדיגער וכוח, ענין: די שפראַכען־פראַגע: יודיש — רוסיש — העברייאיש. — האָט זיך „ר' מרדכי'לע" (טשעמערינסקי), אונזער גרויסער הומאָריסט אריינגעמישט, ער האָט גענומען דריי טאָוולען און מיט גרויסע אותיות אויפגעשריבען:

„עברים, דברו עברית!"

„רעביאַטאַ, וואלאַי פאָ רוסקו!"

„קינדער, האַקט מאַמע־לשון!"

יאָ! די מוטער־שפּראַך פון'ם יודישען פראָלעטאַריאַט איז און בלייבט יודיש.

און אויב אונזערע העברייאיסטען האָבען שוין פאַרגעסען ווי מיר, יודישע פראָלעטאריער, האָבען היים געקעמפט אין לעמבערג און טארנאפאל, אין קיעוו און פעטערסבורג פאר אונזער מוטער־שפראך אקעגען די ווינאַ־ווערם און די דיאמאַנטס, אזוי וועלן מיר זיי מוזען אן דעם דערמאנען.

פּאַלעסטינע וועט זיין יודיש — אָדער ס'וועט בכלל ניט זיין!

VII. פאָליטישע אָריענטירונג.

א. רעפאָרמיזם.

ס'איז ביי אונז שוין געוואָרן א מנהג צו באַטראַכטען און טאקע אויך צו פאַרענפערן אלע גרויסע פראַגען פון דער סאָציאַליסטישער פאליטיק נישט דורכדעם, וואָס מיר קומען צו א איינהייטליכען קוק אויף דער גאנצער היסטאָרישער אנטוויקלונג, נור דורכדעם, וואָס מיר פרובען באשטענדיג „פאַרייניגען" די פארשידענסטע אנטקעגענגעזעצטע אויפפאסונגען און זוכען א מין אויסגלייך צווישען זיי. סינטעזע — רופען מיר עס אליין אָן, און באַמערקען גאר נישט, אז ס'איז דער דור הפלגה, וואָס הערשט ביי אונז אין די מוחות. און אט דער מנהג ברעכט גאר אָפט א סאָציאליסטישען דין.

שטעלט זיך אוועק א וועלכע ס'נישט איז פראגע אויפ'ן סדר היום פון אונזער באוועגונג, טאָ שעצען מיר נישט אפ איר היסטאָרישע באדייטונג, ארויסגייענדיג פון א באשטימטען סאָציאַליסטישען פרינציפּ, פון א איינהייטליכער אידעען־ריכטונג. ניין! מיר פרובען באשטענדיג די קאָנקרעטע פראגע צו פארענפערן בהסכם מיט אלע מעגליכע און אוממעגליכע אידעען־ריכטונגען, וואָס הערשען אין אונזער באוועגונג. אט, א שטייגער די גרויסע

פראַגע פון דיקטאַטור און דעמאָקראַטיע. דאַכט זיך אויס, ווען מ'וויל ז, פֿאַרענטפֿערן, מוז מען זיך אָפּגעבן אַ קלאָרן דין וחשבון איבער דער נאַטער געשיכטליכער אַנטוויקלונג, איבער די גרונדפּרינציפּן פון סאָציאַליסטישען קלאַסענקאַמף און אַזוי אַרום קומען צו דעם שלום: איז די דעמאָקראַטישע אַנטוויקלונג, אָדער די דיקטאַטור פונ'ם פּראָלעטאַריאַט מסוגל צו פֿאַרווירקליכען דעם סאָציאַליזם. ביי אונז אָבער אינטערעסירט עס קיינעם ניט צו געפינען דעם סינטעז צווישען געשיכטליכער אַנטוויקלונג און סאָציאַליסטישען פּרינציפּ. ביי אונז פרעגט מען: נו, און וואָס איז מיט פּאַלעסטינע? ס'ליגט דאָך אין די הענט פון די ענגלענדער! און גאָר אַנ'אַנדערער פֿאַרגלאָצט די אויגען און מיינט: „דיקטאַטור פונ'ם פּראָלעטאַריאַט, מהיכא תיתא, גאָר אַ גוטע זאַך, אָבער דערווייל, אינ'ם משך פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע וועט דאָס יודישע פאָלק ווערן פֿאַרטיליגט.“ אַזוי איז אויך מיט דער שפּראַכען-פראַגע. בשעת אונזערע חברים אין מאָסקווע, קיעוו, אָדעס און וואַרשע קעמפען פֿאַר אונזער יודישער שפּראַך, קומען אַנדערע קלוגע קעפּ און זאָגען: „דאָס איז אין גלות אָבער אין ארץ-ישראל, דאָרט מוזען מיר קעמפען פֿאַר העברייאיש און אַקעגען יודיש.“ מיר זיינען די איינציגע יודיש-פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי, וואָס פֿאַרטרעט דעם גרויסען געדאַנקען פון דער אַלוועלטליכקייט. פּראַקטיש פעלט אָבער ביי אונז דער מאָניסטישער, איינהייטליכער, אַלוועלטליכער קוק אויף דער אַלוועלטליכער אַנטוויקלונג.

אַט אַזוי קומט עס, וואָס אַ סך אונזערע חברים זיינען פֿאַרברענטע באָלשעוויקעס אויף דער גוישער גאַס און פֿאַרברענטע קאָנגרעסיסטען אויף דער יודישער גאַס. זיי זיינען גרייט אין דער אייגענער רגע, אויף דעם אייגענעם פּאַפּיר אונטערצושרייבען אַן אויפרוף צו דער וועלטרעוואָלוציע און פֿאַר דער נאַציאָנאַלער הלואה.

דערפֿאַר טאַקע איז עס נויטיג, אַז מיר זאָלן סוף-כל-סוף קומען צו אַ באַשטימטער פּאָליטישער אָריענטירונג, מיר זאָלן קאָנען, אויסגייענדיג פון איר, איינהייטליך און היסטאָריש באַטראַכטען און פֿאַרענטפֿערן אַלע פראַגען פון דער יודישער אַרבייטער-באַוועגונג.

און אַזוי ווי אין דער סאָציאַליסטישער וועלט, זיינען פֿאַראַן דריי ריכטונגען, מוזען מיר אַליין וויסען, צו וועלכער ריכטונג מיר געהערן. מיר מוזען אונז פּאָליטיש אָריענטירן און טאַקע אויף אַזאַ אופן, אַז סיי מיר, סיי די סאָציאַליסטישע וועלט זאָלן וויסען: די וועלטבאַוועגונג פונ'ם יודישען פּראָלעטאַריאַט געהערט צו אַט דער ריכטונג. ס'איז די העכסטע צייט מיר זאָלן געהערן צו די סאָציאַליסטען, וואָס האָבען אַ באַשטימטע, אויסגעהאַלטענע שיטה.

כ'זאָג: שיטה, נישט אַ דאָגמע זאָלן מיר אָננעמען. דאָס וואָלט געווען פונקט אַזוי, אָדער נאָך שלעכטער ווי אונזער היינטיגער עקלעקטיציזם. אַ שיטה, אַ סיסטעם, אַ ריכטונג, אַ איינהייטליכען בליק אויף דער אַנטוויקלונג באַדאַרפען מיר האָבען.

פֿינפֿציג יאָר אַרבייטערבאַוועגונג האָט אויסגעבילדעט דריי שיטות אין דער סאָציאַליסטישער וועלט.

די רעפֿאָרמיסטישע, אָדער ווי מ׳רופֿט זי היינט מערהייט־סאָציאַליסטישע, אָדער אויך רעוויזיאָניסטישע. אויף דער דאָזיגער שיטה פּאַסט אַם בעסטען די כאַראַקטעריסטיק, וועלכע מאַרקס האָט געגעבען איבער דער פֿראַנצויזישער סאָציאַלדעמאָקראַטיע (וואָס איז געווען געפֿירט פֿון לעדרו־ראָלען):

„ביי די סאָציאַלע שטרעבונגען פֿונ׳ם פּראָלעטאַריאַט האָט מען אָפּגעבראָכען דעם רעוואָלוציאָנערן שפּיץ און צוגעגעבען זיי אַ דעמאָקראַטישע ווענדונג. פֿון די דעמאָקראַטישע פֿאָדערונגען פֿונ׳ם קליינ־בירגערטום האָט מען אַראָפּגענומען די ריין פּאָליטישע פֿאָרם און אַרויסגערוקט דעם סאָציאַלן שפּיץ. אַזוי אַרום איז געבוירן געוואָרן די סאָציאַלדעמאָקראַטיע („דער אַכצענטער ברוימער“).

די דאָזיגע שיטה האָט זיך אײנ׳ם משך פֿון דעם האַלבען יאָרהונדערט אַרבייטערבאַוועגונג אַזוי צוגעוואוינט צום קאַמף פֿאַר׳ן מינימום־פּראָגראַם, אַז דאָס איז געוואָרן פֿאַר איר אויך דער ענדציל. די דאָזיגע ריכטונג, וואָס איז היינט פֿאַרטרעטען כמעט אין דער גאַנצער וועלט דורך די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען, מיינט, אַז אויף דעם דעמאָקראַטישען וועג און אויפֿ׳ן שלום׳דיגען אופֿן וועט זיך איינגעבען דעם אַרבייטערקלאַס צו באַקומען די גאַנצע מאַכט אין זיין האַנד און איינפֿירן דעם סאָציאַליזם. אָבער, אַזוי ווי היינט קען דער אַרבייטערקלאַס נאָך נישט באַקומען די גאַנצע מאַכט אָן אַ שום קאַמף, זאָגען די סאָציאַלדעמאָקראַטען. אַז דאָס איז דער בעסטער סימן דערפֿאַר, אַז די צייט איז נאָך נישט געקומען, אַז דער אַרבייטערקלאַס איז נאָך נישט ראוי (בלשון אשכנז; נאָך נישט „רייף“) דערצו.

דער גרונדגעדאַנק און דערמיט אויך דער הויפּטפֿעלער פֿון דער דאָזיגער ריכטונג ליגט אין דעם, וואָס זי האָט „אָפּגעבראָכען ביי די סאָציאַלע שטרעבונגען פֿונ׳ם פּראָלעטאַריאַט דעם רעוואָלוציאָנערן שפּיץ“ ד. ה. זי האָט זיך צוגעוואוינט צו פֿאַרטרעטען די שעה־ און טאָג־אינטערעסען פֿונ׳ם אַרבייטערקלאַס, וועלכע קענ׳ען און מוזען אפילו אין אַ געוויסען מאָס אָן שום רעוואָלוציעס באַפֿרידיגט ווערן אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג, און האָט אין גאַנצען פֿאַרגעסען אין די היסטאָרישע באַפֿרייאונגס־אינטערעסען פֿונ׳ם פּראָלעטאַריאַט, וועלכע קענען בשום אופֿן נישט דערגרייכט ווערן אָן דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. דאָס מינימום־פּראָגראַם האָט בכן אויפֿגעהערט צו זיין איינס פֿון די מיטעל, וואָס זאָלן פֿירן צום ענדציל, נאָר איז געוואָרן אַ זעלבסטצוועק.

מ׳שרייבט עס אפילו נישט בפירוש — אדרבא, מ׳שטאָלצירט נאָך אַלץ אויפֿ׳ן אַלטען רעוואָלוציאָנערן פּראָגראַם, — אָבער מ׳האַנדעלט אויף שריט און טריט אַזוי ווי ס׳וואָלט נישט קיינמאָל גאָר עקזיסטירט קיין פּראָגראַם־מאַקסימום. דער אַכט־שעה׳דיגער אַרבייטסטאָג ווערט וויכטיגער ווי די סאָציאַליזירונג פֿון דער פּראָדוקציע, דאָס אַלגעמיינע וואַלרעכט היילגער פֿון דער דיקטאַטור פֿונ׳ם פּראָלעטאַריאַט, פֿרייהייט פֿון דער בירגערליכער פּרעסע טייערער פֿון דעם לעבען פֿון לוקסעמבורג און ליבקנעכט.

ס'איז קיין חידוש נישט, וואס דער פועל־יוצא דערפון איז, אז די ארגאניזאציע אליין הערט אויך אויף צו זיין א מיטעל צו פירן דעם רעוואָ־לוציאָנערן קאמף פונ'ם ארבייטערקלאס, נאָר ווערט א זעלבסטצוועק. ברעכט אויס א מלחמה, ארגאניזירט נישט די פארטיי דעם קאמף אקעגען איר, נאָר פונקט פארקערט, זי שיקט אירע מיטגלידער צו שטארבען פאר'ן קאפיטאליסטישען פאטערלאנד און הייסט געווערקשאפטען לייגען די שטרייק־פאָנדגעלדער פאר דער מלחמה. דאס אלץ, אבי די פרטיי, די אָרגאניזאציע זאָל בלייבען באשטיין, אויפ'ן לשון פון די רעפאָרמיסטען הייסט עס: דער־האלטען די כחות פונ'ם פראָלעטאריאט פאר'ן שפעטער'דיגען קאמף.

פאר'ן שפעטערדיגען קאמף, הייסט ווילן זיי בשום אופן נישט קעמפען, הייסט ווילן זיי געווינען אָן שום איבערקערענישען. דאס קען מען נאָר איינעם מיט די אנדערע בירגערליכע קלאסען, קיינמאל נישט אקעגען זיי.

די דאָזיגע שיטה איז באזונדערס אין די לעצטע יארן פאר דער מלחמה דערגאנגען ביז צו דער לעצטער קאָנסעקווענץ. די אומגעהייערע קאפיטאליסטישע אנטוויקלונג, וועלכע האט געפירט צו דעם גרויסען קאָלאָניאל־קריג צווישען אלע גרויסע און קליינע מלוכות האט גורם געווען אז די ארבייטערבאוועגונג האט זיך וואס אמאָל דערווייטערט פון איר אייגענטליכען ציל, פונ'ם קאמף פאר'ן סאציאליזם, און אלץ מער זיך נאכגעיאגט נאָך כלומר'שט נאָנטערע, דערפאר אבער, „רעאַלערע" צילן. אט אזוי איז פארבונדען געוואָרן דער גורל פונ'ם פראָלעטאריאט מיט'ן גורל פון קאפי־טאליסטישער פראָספעריטעט. וועט אונזער פאלק זיין קאנקורענצפעהיג אויפ'ן וועלטמארק, וועט נישט זיין קיין ארבייטסלאָזיגקייט, וועלן די שכירות זיין העכער, די ארבייטסצייט קורצער, די קאמפבאדינגונגען פאר'ן ארבייטער־קלאס פון אונזער פאָלק אסך בעסער און די אויסזיכט אויף א ענדגילטיגען נצחון פיל גרעסער. אט אזוי ארום וועלן מיר אן באזונדערע חבלי לידה פירן דעם ארבייטערקלאס צום סאָציאליזם.

אזוי האט געמיינט, גערעדט און געהאנדעלט די ענגלישע ארבייטער־פארטיי פאר'ן ענגלישען ארבייטערקלאַס, די דייטשע פאר'ן דייטשען, די פראנצויזישע פאר'ן פראנצויזישען א. א. וו. און אט אזוי האבען אלע די דאָזיגע רעפאָרמסאָציאַליסטישע פארטייען אריינגעפירט די ארבייטער אין דער וועלט־מלחמה און יעדע פון זיי האט עס פארשטאנען איינצורעדען די ארבייטער פון איר לאַנד, אז זיי האבען דעם גרעסטען אינטערעס אינ'ם נצחון פון זייער אייגען לאנד. אט אזוי האבען אלע רעפאָרמסאָציאַליסטישע פארטייען געקעמפט אלע פאר איין און דעמזעלבען ציל, אבער נישט איינע מיט דער אנדערער, נאָר איינע אנטקעגען דער אנדערער.

וויל מען וויסען אויב די דאָזיגע שיטה איז גערעכט, טאָ מוז מען זיך נישט גראד פארקוקען אויף איר „שענסטען" העלד, אויף נאָסקען, אדער דעם גרויסען פראנצויזישען פאַטריאָט טאָמא, נאָר ס'גענוגט זיך צו דערמאנען,

אז אין דעם קליינען לאנד שוועדען רעגירט א קעניג מיט א סאציאליסטישען מיניסטערפרעזידענט מיט א גאַנצען סאציאליסטישען מיניסטארן־קאבינעט. און נישט נאסקע, נישט בראנטינג זיינען בכח כאָטש צו פארווירקליכען דאס, וואס זיי אליין ווילן: דאס פראגראם מינימום. ווארום בשעת „דעמאָקראטישע רעפובליק" איז איינע פון די הויפטפאדערונגען פונ'ם פראגראם־מינימום, לאזט זיך בראנטינג איינזעצען דורך'ן קעניג, און בשעת אלגעמיינע פאלקסבאוואפנונג איז א כלל גדול פונ'ם פראגראַם־מינימום, באוואפענט נאָסקע יונקער און שטודענטען, בכדי זיי זאָלן דערנאך קענען אנטוואפנען דאס ארבייטענדיגע פאלק און פרובען איינזעצען א קייסער. אפטיילן די קירכע פון דער מלוכה איז א חוק ולא יעבור פונ'ם פראגראם־מינימום, דערפאר טאקע ווערט אין דייטשעסטרייך, וואס איז רעגירט דורך א סאציאל־דעמאקראַטישען שטאטסקאנצלער יעדער שטרענג פארפאָלגט, ווער ס'שיקט זיין קינד נישט צו דער רעליגיאנס־שטונדע.

אט א דאס איז די רעפארמיסטישע שיטה. זי יאגט זיך נאך קליינע רעפאָרמען און מוז באשטענדיג פארקויפע די בכורה פאר א טאָפ לינזען.

דא רייסט די געדולד ביי אונזערע חברים און זיי פרעגען: מאי קמשמא לן, צוליב וואס דערציילסטו אונז דאס אלץ? זיינען דען חם ושלום ביי אונז דא נאסקע'ס, בראנטינג'ס, אדער אויך נאָר רענער'ס?

יא חברים. זוכט גוט, וועט איר זיי געפונען! דערמאנט אייך! האט איר קיינמאל נישט געלייענט פון א סאציאַליסטישער פאלעסטינא, וואס זאל אויפגעבויט ווערן אויפ'ן חשבון פון א נאציאנאלער הלואה ביי . . . יודען־נגידים? האט איר נישט געהערט פון א פרייער פראלעטארישער פאלעסטינא, וואס זאל דערגרייכט ווערן דורך דעם ציוניסטישען קאנגרעס? ווייסט איר נישט, אז עד היום ריידט מען ביי אונז דערפון, אז מיר מוזען העלפען דער יודישער בורזשואזי זיך שטעלן אויף אירע אייגענע פיס, בכדי מיר זאָלן נאכדעם קענען פירן אקעגען איר אונזער קלאסענקאמף מיט ערפאלג? האט איר נישט געלייענט פון א צדיק ווילזאָן, וואס האט צוגעזאגט ראטעוועו די גאנצע מענשהייט און אונז יודישע פראלעטאריער בתוכם. און האט איר גאר נישט געהערט פון א פועלי־ציוניסטישען פאלקסמיניסטער, וואס האט געוואלט דערגרייכען די נאציאלע אויטאָנאמיע פאר יודען זיצענדיג אין איין מיניסטעריום מיט דעם גרעסטען עוכר ישראל, מיט'ן פאגראמטשיק פעטליורא?

געווים, אלע אונזערע חברים, האבען דאס אלץ געטון אין בעסטען גלויבען, אז זיי דינען דעם יודישען ארבייטערקלאס.

גראד דערפאר מוזען מיר אומ'ברחמנות'דיג צושטערן די פאלשע אילוזיעס. ס'גענוגט כלל וכלל נישט דער גוטער ווילן. מ'מוז האבען די ריכטיגע שיטה, וויסען דעם ריכטיגען וועג און טאקע פירן צום ציל.

אלע טיפישע פארטרעטער פונ'ם רעוויזיאָניסטישען פליגעל ווילן באמת דאס בעסטע פאר די פראלעטאריער פון זייערע לענדער. דער גרויסער פעלער פון זיי אלע איז אבער, וואס זיי מיינען, אז זיי קענען דאס

בעסטע פאר דעם פראָלעטאריאט דערגרייכען אויף א אנדערן אופן ווי דורך קלאַסענקאַמף, און דער גרויסער פארברעכען פון זיי אלע איז, וואס זיי ברייגגען דערצו, אז פראלעטאריער פון איין פאלק באקעמפען זייערע קלאסענברידער פון זייער אייגען פאלק, וועלכע דערוועגען זיך אליין אנצוהויבען דעם קאמף אנטקעגען דער בורושואזי, דעם בירגערקריג.

ב. רעפאָרמיסטישער־רעוואָלוציאָנאַריזם.

די צווייטע שיטה אין דער ארבייטערבאַוועגונג איז די . . . רעפאָרמיסטיש־רעוואָלוציאָנאריסטישע, אָדער ווי מ'רופט זי „אומאָפּהענגיגע". דאָס איז די שיטה פונ'ם אזוי גערופענעם „מאַרקסיסטישען צענטרום".

די דאָזיגע ריכטונג מאכט נישט דעם גראבען טעות צו מיינען, אַז דורך סאָציאַלע רעפאָרמען וועט מען קומען צום סאָציאַליזם ממילא — פון יך זעלבער. ניין, אדרבה, זי ווייסט גאַנץ גוט, אַז בכדי צו פארווירקליכען דעם סאָציאַליזם וועט זיין נויטיג אַ גרויסע איבערקערעניש, הן אין פאָליטישען און הן אין עקאָנאָמישען לעבען. זי ווייסט אויך, אַז כל זמן ס'איז נישט אָפּגעשאפט דאָס פריוואַטאייגענטום מוז ווערן געפירט דער קלאַסענקאַמף און ס'טאר נישט ווערן געמאכט קיין קלאסענשלום מיט דער בורזשואזי, אפילו אויף איין רגע נישט. אָבער . . . און אָט הויבט זיך אָן דער „אָ ב ע ר", וואָס איז געוואָרן דער אני מאמין פון אט דער אומאָפּהענגיגער שיטה.

אַ אומאָפּהענגיגער זאָגט נישט אַרויס קיין שום געדאנקען אָן אַ . . . „אָבער", טוט נישט קיין שום ארבייט אָן אַ . . . „אָבער". „אָבער", — דאָס איז דער מהות, דער תוך און דער אמת פון דער דאָזיגער שיטה.

די דיקטאַטור פונ'ם פראָלעטאריאט מהיכא תיתא, אָבער . . . .

פאר רוסלאַנד זאָגט קריספיען. פאר דייטשלאנד מיינט לאָנגע, פאר פראַנקרייך ווינשט עס סנאָדען.

בירגערקריג. ס'איז אפשר טאקע אומבאדינגט נויטיג „אָ ב ע ר":

פאַר רוסלאַנד, זאָגט ב ו י ע ר; פאר דייטשלאַנד, מיינט מ י ס ט ר אַ ל; פאַר פראַנקרייך טראַכט זיך מעקדאָנאַלד.

„אָ ב ע ר": דאָס איז אומאפהענגיג.

זיי זיינען אלע געווען אַקעגען דער מלחמה, „אָ ב ע ר" זיי האָבען געשטימט פאַר די מלחמה ביודזשעטען, זיי האָבען תמיד געוואָלט דעם שלום, „אָ ב ע ר", האָבען קיינמאָל גאָר נישט געטאָן פאַר אים, זיי האָבען אלע באַגריסט די רוסישע קערענסקי־רעוואָלוציע, „אָ ב ע ר" זיי אַליין האָבען אין זייערע „אייגענע" לענדער, אפילו נישט גערירט מיט א פינגער, בכדי צו טאָן דאָס אייגענע. שפעטער האָבען זיי מיט שווערן הארצען באַגריסט די לעניך־רעוואָלוציע און געפרעדיגט די וועלט־רעוואָלוציע „אָ ב ע ר" נישט ביי זיך אין לאַנד. און אַצינד? אצינד זיינען זיי אַלע „באַגייסטערט" פון דער רוסישער סאָוויעטרעפובליק, פון דער פראָלעטאַרישער דיקטאַטור, פון די טעזיסען פונ'ם דריטען קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל, „אָ ב ע ר", זיי ווילן אַריינגיין אין אים נאָר בתנאי . . .

אָט דאס איז דער אמת׳ר פּרצוף פוּנ׳ם מאַרקסיסטישען צענטרוּם. האַלבקייט איז זיין טבע. זיי זיינען נישט קיין רעפאָרמיסטען, ווייל זיי האבען געלערנט ביי מאַרקס׳ן, אַז די סאציאלע רעוואלוּציע איז א היסטאָרישע נויטווענדיגקייט, זיי זיינען אבער אויך נישט קיין רעוואלוּציאנערן, ווייל זיי האבען זיך אינ׳ם משך פון די פינפציג יאר אַרבייטערבאַוועגוּנג צוּגעוואוינט צוּ סאציאַלע רעפארמען. על פּי דעת ווייסען זיי, אז די רעוואלוּציאנערע אַנטוויקלוּנג איז אַ חוק ולא יעבור, על פּי חוש זיינען זיי אבער פאַרוואַקסען מיט דער דעמאקראטישער פּליקארבייט און קענען זיך נישט באַפרייען פון די אילוּזיעס פון די סאציאלע רעפארמען. זיי ווייסען, אַז דעם מאַקסימוּם־פּראגראַם קאן מען נישט פאַרווירקליכען אויף א פרידליכען אופן, זיי מיינען אבער, אַז דאס גאַנצע מינימוּם־פּראגראַם קאן מען דערגרייכען אן אַ שום רעוואלוּציע, נאר דורך דער דעמאקראַטישער מלוכה־פאָרם. אויך אויף זיי פאַסט נאך היינט די כאַראַקטעריסטיק וואס מאַרקס האט געגעבען איבער דער אַמאליגער פראַנצויזישער סאציאַלדעמאקראַטישער פאַרטיי אונטער דער פירוּנג פון לעדריו — ראלען.

„ווען די מאָנטאַניע (לייענט „אוּמאפהענגיגע“) האָט געוואָלט מנצח זיין אין פארלאמענט, האָט זי נישט געטאָרט אויפרוּפען צוּ נעמען די וואַפען אין האַנט. אויב זי האָט אינ׳ם פאַרלאַמענט גערוּפען, צוּ נעמען די וואַפען, האָט זי זיך אויף דער גאַס נישט געטאָרט פאַרלאַמענטאַריש אויפפירן. אויב זיי האָבען עס ערנסט געמיינט מיט זייער פרידליכער דעמאָנסטראַציע, דעמאָלט איז עס געווען נאַריש, נישט צוּ פאַרשטיין פון אָנהויב אָן, אַז מען וועט זי אויפנעמען אויף אַ קריגערישען אופן. אויב מ׳האָט בדעה געהאַט אַ אמת׳ען קאַמף, איז עס געווען אָריגינעל, אַוועקצוּלייגען די כלי זין, מיט וועלכע מען האָט אים געמוּזט פירן“.

פאר דער גאַנצער „אוּמאפהענגיגער“ שיטה איז אויך כאַראַקטעריסטיש, וואס אירע טיפּישע פאַרטרעטער האבען זיך יארנלאנג אַרוּמגעאַמפּערט מיט די רעוויזיאניסטען און האבען תמיד באַוויזען, אַז מאַרקס איז געווען גערעכט, ווען ער האט געלערנט, אַז די סאציאַליסטישע געזעלשאַפטס־ארדנוּנג וועט ווערן געבוירן דורך אַ רעוואלוּציע. אַליין אבער האבען זיי יארנלאַנג געפּרעדיגט סאציאַלע רעוואלוּציע און געמאַכט סאָציאַלע רעפארמען. געשטרעבט האבען זיי באַשטענדיג צוּם מאַקסימוּם — צוּם סאציאַליזם — געקעמפט האבען זיי תמיד פאַר׳ן מינימוּם — פאר חיי שעה, פאר די טאָגאינטערעסען פוּנ׳ם פּראלעטאריאט. זיי האבען כסדר באוויזען, אז אוּנזער ציל מוּז זיין די סאציאליסטישע רעוואלוּציע, וואס וועט איינגאנצען אפּשאפען די קאמוּניסטישע ווירטשאפטסארדנוּנג. גלייכצייטיג אבער האבען זיי אליין געפּרוּבט לעגען איין לאטע נאך דער אנדערער אויפ׳ן צוּריסענעם בגד פוּנ׳ם קאפּיטאליזם.

„אט אזוי איז דער סאציאליזם געווארן פאר דער גאנצער ארבייטער־באוועגוּנג א אידעאל פון . . . לעתיד לבוא. בשעת די דעמאקראטישע רעפארמען זיינען געווארן טאג־טעגליכע חיונה. די דעמאקראטי מיט אירע שאר ירקות זיינען געווארן פארוואקסען מיט בלוּט און פלייש. דער סאציא־

ליזם איז געבליבען א מח־סברה, א שיינער, אבער ווייטער חלום. זיי האבען דעם מארקסיזם קאנסערווירט פארגליווערט. זיי האבען די סאציאליסטישע תורה פארוואנדעלט פון א וועלטאנשויאונג אין א רעליגיע, דאס סאציא־ליסטישע פראגראם פון א אקציאנס־פראגראם אין א קאטעכיזם.

אַט אַזוי איז אנטשטאַנען די גרויסע אומברחמנות'דיגע סתירה צווישען ווערטער און מעשים.

און אַז ס'איז געקומען די צייט, צו . . . טון, האָט אַט אָ די גאַנצע שיטה פולקאם באַנקראָטירט.

איז דאָס נישט באַנקראָט? אין נאָוועמבער 1918 זיינען די אומאָפּ־העננגיגע די פירער און מאַכטהאָבער פון דער דייטשער רעוואָלוציע. וואָס טוען זיי? זיי העלפען די רעפאָרמיסטען ווידער צו פאָפולאַריטעט, זיי טיילן מיט זיי די מאַכט, זיי אייניגען זיך מיט זיי אויף אַ . . . דעמאָקראַטישען פראָגראם. זיי פאַרטרייבען דעם באָטשאַפטער פון דער רוסישער סאָוועט־רעגיערונג פון בערלין, יאָפע, ביי וועמען זיי, די אומאָפּהעננגיגע, האָבען גענומען געלד און ליטעראַטור, בכדי צו קעמפען אַקעגען דעם קייסער, יאָפע, וועמען דער קייסער ווילהעלם האָט געלאָזט זיצען אין בערלין, ווערט אַצינד אַרויסגעטריבען פון בערלין דורך אַ באַפעל פון די רעוואָ־לוציאָנערע פאָלקס־באַאויפטראַגטע האָזע, דיטמאַן און באַדט. דאָס איז געווען דעמאָלט, 1918! אַצינד פאַרלאַנגען די אייגענע אומאָפּהעננגיגע פון דער דייטשער רעגירונג, זי זאָל אַריינטרעטען אין דיפּלאָמאַטישע און ווירטשאַפטליכע פאַרבינדונג מיט סאָוועטרוסלאַנד, זי זאָל אַריינלאָזען קיין בערלין אַ רוסישען באָטשאַפטער; אַצינד מאַכען זיי דעמאָנסטראַציעס פאַר סאָוועטרוסלאַנד און דאָס הייסט פאָליטיק! פראָלעטאַרישע פאָליטיק!

און ווייטער. זיי, די אומאָפּהעננגיגע באַקעמפען ליבקנעכט און לוקסענ־בורג, זיי זיינען אַקעגען פראָלעטאַרישער דיקטאַטור, זיי ווילן נישט שאַפען קיין מאַכטיגען אַרבייטעררעט, זייערע פאָלקס־באַאויפטראַגטע באַקעמפען די שטרעבונגען פון ספּארטאַקוס, ווייטערצופירן די רעוואָלוציע. און אַצינד נאָכ'ן לייפּציגער קאָנגרעס זיינען זיי: פאַר'ן ראַטען־סיסטעם, פאַר דער דיקטאַטור, פאַר דער ווייטעראנטוויקלונג פון דער רעוואָלוציע.

און נאך ווייטער. זיי גייען קיין בערן, קיין אמסטערדאַם, שענקען זייער ערליכען נאמען די רעפארמיסטען פון דער גאנצער וועלט, זיי פּרובען אויפריכטען דעם צווייטען אינטערנאציאנאל און זיינען שטאַלץ, וואס זיי האבען די מעגליכקייט צו רעוואלוציאנירן בראנטינג'ן, שיידעמאַנען און טאמאַ. אַצינד . . . זיי זיינען פאר'ן דריטען אינטערנאציאנאל. איז דאס נישט באַנקראט־פאליטיק?

אַ סך מיינען: פארקערט, מיר מוזען צופרידען זיין, זיי אנטוויקלען זיך, זיי ווערן רעוואלוציאנער. אבער איז דען דאס א רעוואלוציאנערע פארטיי, וואס שלעפּט זיך נאך נאך דער אנטוויקלונג? האבען דען די אומאפּהענגיגע נישט אויפגעהאַלטען, נישט צוריקגעווארפען די אנטוויקלונג אין זייער אייגען

לאַנד און אין דער וועלט. וואָלטען זיי זיך געוועןן מיט ספּאַרטאַקוס געאייניגט מיט ליבקנעכט געקעמפט אקעגען שיידעמאַן־עבערט־נאָסקע, דאַן וואָלטען מיר היינט שוין דערלעבט א אנדער, א שיינער, א פּראָלעטאַריש דייטשלאַנד. וואָלטען זיי געווען אנשטאָט קיין בערן געגאַנגען קיין מאָסקווע, דעמאָלט וואָלט היינט שוין געווען שטאַרק און מאַכטיג דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל. וואָלטען זיי נישט געווען דעמאָלט ארויסגעטריבען יאָפּע, וואָלטען זיי היינט נישט געמוזט „קעמפען", מ'זאָל אים ווידער אַריינלאָזען.

אדער איז אפשר דאָס סאָציאַליסטישע פּאָליטיק, ווען מ'שלעפּט זיך נאָך, נאָך די רעדער פון דער געשיכטע. איז עס דאָך גראַד דער זין, די באַדייטונג און דער ראָל פון דער ארבייטער־באַוועגונג פּאַראויסציזען ד' אַנטוויקלונג און אַקטיוו מיטווירקען אין איר.

מעשים! מעשים! אָט דאָס איז אצינד דער א' און דער ת' פון יעדען סאָציאַליסטישען פּראָגראַם. און צו מעשים, צו סאָציאַליסטישע מעשים זיינען די אומאָפּהענגיגע נישט מסוגל.

אין ערגיץ נישט! נישט נאָר אין דייטשלאַנד. אָט נעמט למשל דייטש־עסטרייך. זיינען דען דאָרט די אומאָפּהענגיגע נישט געגאַנגען אויף דעם אייגענעם דרך ווי זייערע אייגענע חברים. ווער דערמאָנט זיך נאָך, ווי אַזוי אָטאָ בויער האָט געמאָלט דעם „וועג צום סאָציאַליזם", ער איז באַשיט מיט רויזען, ס'האָט ממש געריגען האָניג און מילך. אָבער היינט? וועלכער בר דעת, וועלכער ערליכער מענש גלויבט נאָך, אַז מ'קאָן אויסקויפען ביי דער בורזשואַזי די פּראָדוקציאָנסמיטלען, בכדי זיי צו סאָציאַליזירן. קויטסקי, בויער און אַנדערע האָבען געוואָלט להיפוך צו מאַרקס תורה, גיין צום סאָציאַליזם דורך פאַרהאַנדלען, אָפּקויפען, אָפּלייזען ביי דער בורזשואַזי די פּראָדוקציאָנסמיטלען. די סאָציאַליזירונגס־קאָמיסיעס פון ביידע לענדער — דייטשלאַנד און דייטשעסטרייך — זיינען דער בעסטער באַווייז דערפאַר, ווי פאַלש די גאַנצע שיטה פון'ם מאַרקסיסטישען צענטרום איז

און אומעטום, וואו די דאָזיגע שיטה הערשט איבער די מחות און כחות פון דער אַרבייטער באַוועגונג איז עס אַ גרויסער שאָדען פאַר'ן סאָציאַליסטישען קאַמף. די פראַנצויזען, זיי האָבען אצינד אין שטראַסבורג אַנגענומען א רעוואָלוציאָנער אַקציאָנספּראָגראַם, אָבער זיי זיינען נאָך אַלץ נישט מסוגל צו קאָנצענטרירן אַלע כחות פון'ם פראַנצויזישען פּראָלעטאַריאַט אויף איין גרויס ציל: וועלטרעוואָלוציע. זיי לאָזען פאַרשווענדען די כחות פון'ם פראַנצויזישען פּראָלעטאַריאַט אין קליינערע און גרעסערע טייל־שטרייקס, וועלכע מוזען ענדיגען מיט א מפּלה און קענען נישט ארויספירן דעם ארבייטערקלאַס פון דעם טופּיק, אין וועלכען ס'האָט אים געפירט די רעפאָרמיסטישע שיטה.

די אומברחמנות'דיגע סתירה צווישען ווערטער און מעשים: דאָס איז די טראַגעדיע פון'ם מאַרקסיסטישען צענטרום. און שולדיג אין דעם איז ווידער נישט חס ושלום דער שלעכטער ווילן פון דער דאָזיגער וועלט־

אנשויאונג, נאר די וועלט־אנשויאונג אליין. די וועלט־אנשויאונג, וואס וויל פאררייניגען די רעפאָרמיסטישע מיט דער רעוואלוציאנערער שיטה אין דער אַרבייטערבאַוועגונג.

און דערפאַר טאַקע איז אט די דאזיגע ריכטונג זער געפערליך פאר דער אַרבייטערבאַוועגונג, געפערליכער איידער די דיין רעפאָרמיסטישע. ווארום בשעת די ערשטע שפילט מיט אָפענע קאָרטען און ווייזט דערפאר זער באלד איר אמתן פּרצוף, פאַרדעקט זיך די צווייטע מיט א שלייער פון רעוואָלוציאָנערע פראזען, פאַרהילט זיך מיט אַ טומאַן פון רעוואָלוציאָנערער אידעאָלאָגיע און פארטונקעלט אויף אַזאַ אופן די מוחות פון די ארבייטער־מאַסען.

און דער שרעקליכער תהום צווישען ווערטער און מעשים ווערט ביי דעם מאַרקסיסטישען צענטרום דעמאָלט בולט, ווען מ׳זעט: די אייגענע, וואס האבען געשפאלטען די דייטשע סאָציאלדעמאָקראטיע, קריצען מיט די ציין, פאר וואס די קאמוניסטען ווילן ארגאניזירן די ארבייטער אונטער דער אייגענער פאָן; די אייגענע, וואס פּרעדיגען אומאויפהערליך: איינהייט פונ׳ם פּראלעטאריאט, ווילן שאפען א חוץ ביידע באשטייענדיגע אינטערנאציאנאלן נאָך איינעם — א פערטען אינטערנאציאנאל; און די סתירה ווערט נאָך בולט׳ר בשעת מ׳זעט, ווי די דאזיגע פארטיי, וואס האט זיך געשטעלט אויפ׳ן באָדען פונ׳ם דריטען אינטערנאציאנאל העלפט פאקטיש מיט צו שאפען א . . . פערטען אינטערנאציאנאל.

די רעפאָרמיסטיש־רעוואָלוציאָניסטישע ריכטונג איז דער לעבענדיגער אָפגרונט צווישען סאציאליסטישען ד ע נ ק ע ן און סאציאליסטישען ט ו ן.

און אָט די דאָזיגע שיטה איז ביי אונז, אין אונזער באוועגונג — זאגען מיר דאס אפען ארויס — די „הערשענדיגע".

מיר מיינען נישט חס ושלום, אז אלע אונזערע חברים זיינען מסכים מיט איר. ניין, מיר זיינען איבערצייגט, אַז דער רוב פון אונזער באוועגונג איז באמת גרייט אפצושאַפען די סתירה צווישען ווערטער און מעשים. אבער עד היום איז עס נאָך געלונגען מיט רעוואָלוציאנערע ווערטער צו פאַרדעקען דעם אפּאָרטוניסטישען מהות פון די מעשים פון אונזער אָפיציעלער פאליטיק. דערפאַר טאַקע איז עס צייט צו ווייזען אונזערע חברים דעם אמת׳ן פרצוף פון אט דער פאָליטיק.

למשל:

שטאָליק איז מען ביי אונז עד היום דערויף, וואס אונזער אָפיציעלע פאליטיק בשעת מלחמה איז געווען א . . . „אינטערנאציאנאליסטישע". ווער קאן אבער אפלייקענען דעם פאַקט, אז א פועלי־ציוניסטישער לעגיאָן האט געקעמפט פאר׳ן ענגלישען אימפעריאליזם.

און אפילו אצינד, בשעת מיר האבען דאס גליק צו זיין געפירט פון א „רעוואָלוציאָנערן סאָציאַלדעמאקראַט", איז עס מעגליך אונטער דער

מאַסקע פון רעוואָלוציאָנערע פראַזען צו פאַרדעקן דעם מסוכנעם פאַר־סמ׳טען שאָוויניזם און צו שאַפן אין פאַלעסטינא א לעגיאָן, אין וועלכען ס׳ווערן געשטעלט חברים פועלי־ציון אונטער דעם קאָמאַנדא פון ... וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי. מ׳ווערט ממש נבהל ונשתומם.

אדער, איז דאס דען נישט א טרויריגער פאקט? בשעת און נאך דער אקטאבער־רעוואלוציע האבען אונזערע פירנדיגע חברים אין רוסלאנד אויך איינגענומען א ... „אינטערנאציאנאליסטישע" שטעלונג. אין אָפיציעלען ארגאַן „יודישע אַרבייטערכראָניק" האט דער חבר רעדאַקטאר יעדע וואך געשריבען אַקעגען די „אַוואַנטוריסטען־באלשעוויקעס". אש להבה איז ער געווען אויף זיי. אַפאר חדשים שפעטער איז דער אייגענער רעדאקטאר געווארן א ... קאמיסאר ביי דער סאוויעטרעגירונג. איז דאס א פראלעטארישע פאליטיק, איז דאס אַ „פירונג"? ניין, א מיאוס נאכשלעפען זיך איז דאס. נישט ווירדיג פאר אונזער באַוועגונג. דאס אלץ איז געטאן געווארן מיט׳ן בעסטען ווילן צו דינען דעם יודישען פראלעטאריאַט. געוויס! דער גוטער ווילן איז געווען, אבער ס׳האט געפעלט די ריכטיגע שיטה.

אדער איז דאס אויסגעהאלטענע, פרינציפיעלע פראלעטארישע פאליטיק? צוויי יאר לאנג האט די סאוויעט־רעפובליק געקעמפט אַקעגען דער אינער־ווייניגדיגער און אויסווייניגדיגער קעגענרעוואלוציע, צוויי יאר לאנג האט אונזער פאַרבאַנד צוגעקוקט און נישט געוואוסט וואס צו טון, געווארט אויף דער רייזע פון דער אונטערזוכונגסקאמיסיע פונ׳ם צווייטען אינטערנאציאנאל. פלוצלינג, אויף איינמאל כאפען מיר אונז אויף פונ׳ם שלאף און הערן, אונזער פאַרבאַנד פאדערט אויף אלע פארטייען צו קעמפען אקעגען דעם קריג מיט סאוויעט־רוסלאַנד. הייסט דאס פאראויסזען די אנטוויקלונג און פירן די ארבייטערמאסען, אדער הייסט דאס זיך נאכשלעפען נאך די מאַסען?

דאס מערקווירדיגסטע דערביי איז, וואס בשעת מ׳מאכט די חברים אויפמערקזאַם אויף זייער ... נו זאגען מיר קלייניקער פארשפעטונג, זיינען זיי זער ברוגז. זיי וואלטען בעסער געוואלט, מ׳זאל זיי קלאַפען אויף די פלייצעס און זאגען יישר כח אייך פאר אייער גרויסער רעוואלוציאָנערער העלדענטאט. אט דאס איז אונזער אפיציעלע פאליטיק פונ׳ם מארקסיסטישען צענטרום.

סיי אויפ׳ן געביט פון דער אינטערנאציאנאַלער, סיי אויפ׳ן געביט פון דער יודישער ארבייטערפאליטיק איז די אומאפהענגיגע שיטה פון אונזער וועלט־פאַרבאנד באַנקראָט.

וואס פריער מיר וועלן דאס דערקענען און טאקע אפען מודה זיין אלץ בעס׳ער פאַר אונזער באוועגונג, אלץ נוצליכ׳ער פאר׳ן יודישען פראלעטאריאַט.

ג. מאַרקסיסטיש־קאָמוניסטישע.

די דריטע שיטה אין דער אַרבייטער באַוועגונג איז די מאַרקסיסטיש־קאָמוניסטישע, אָדער ווי מ'רופט זי אין דער וועלט, די באָלשעוויסטישע.

דאָס איז די ריכטונג, וועלכע פירט אידעאָלאָגיש די אַרבייטער־באַוועגונג צוריק צו איר אייגענטליכען מקור — צום קוואַל פון סאָציאַליסטישען דענקען, צו דער מאַרקסיסטיש־קאָמוניסטישער וועלט־אַנשויאונג.

מיר האָבען איבען געזען, ווי אַזוי די אַרבייטער־באַוועגונג האָט זיך אינ'ם משך פון פופציג יאָר אַלץ מער דערווייטערט פון אַט דעם מקור, ווי אַזוי אַ גרויסער טייל פון איר האָט זיך אינגאַנצען אָפּגעזאָגט פונ'ם געדאַנק פון אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע און האָט אָנגעהויבען גלויבען אין דער סאָציאַלער רעפאָרם, ווי אַזוי אַ אַנדערער טייל האָט געהאַלטען אין איין איבער'חזר'ן די מאַרקסיסטישע תורה און דערביי כסדר געטון רעוויזיאָניסטישע מעשים. דער באָלשעוויסטישער פליגעל פון דער אַרבייטער־באַוועגונג האָט אָבער כסדר פאַרשטאַנען, אַז דער עיקר איז נישט דאָס וואָרט, אפילו נישט דאָס מאַרקסיסטישע וואָרט, וואָס פאַרדעקט גאָר אָפט אַ אַנטימאַרקסיסטישע מעשה, נאָר טאַקע די מאַרקסיסטיש אינטערנאַציאָנאַליסטישע טאַט, נישט די מאַרקסיסטישע למדנות, נאָר דער מעטאָד, נישט דער מאַרקסיסטישער אות, נאָר דער מאַרקסיסטישער געדאַנקענגאַנג. דערפאַר טאַקי איז די דאָזיגע שיטה די איינציגע, וואָס האָט אין זיך אויפגענומען דעם גאַנצען תוכן פונ'ם מאַרקסיסטישען סאָציאַליזם און אויך די איינציגע, וואָס פירט דעם אַרבייטערקלאַס אויף דעם וועג אויף וועלכען ס'האָט אים געוואָלט פירן קאַרל מאַרקס.

איין ביישפיל וועט אונז קלאָר מאַכען אַז ס'איז באמת אַזוי.

בשעת ס'איז אויסגעבראָכען די מלחמה, האָבען די מאַרקסיסטישע גאונים קויטסקי, פּלעכאַנאָוו, רענער און אַנדערע געפּרובט באַווייזען, אַז... די אַרבייטער פּאַרטייען מוזען מיטהעלפען פאַרטיידיגען זייערע פאַטערלענדער, דערביי האָבען זיי אַלע דאָס געוואָלט באַווייזען אויפ'ן סמך פון זייער מאַרקסיסטישע למדנות. שפּעטער זיינען אפילו אַנטשטאַנען גרויסע חלוקי־דעות צווישען קויטסקי און רענער מכח דעם „קריגסמאַרקסיזם”. ס'איז אָבער אַ פאַקט, אַז קויטסקי האָט אויך „פאַרשטאַנען”, אַז מ'האָט געמוזט שטימען פאַר'ן מלחמה־בודזשעט און פאַרטיידיגען דאָס פאַטערלאַנד, נאָר די באָלשעוויסטישע שיטה — לענין לוקסעמבורג — האָט פונ'ם אָנהויב אָן נישט געקאָנט און נישט געוואָלט „פאַרשטיין”, אַז אַ סאָציאַליסט מעג ווען ס'איז נישט איז פאַרטיידיגען אַ קאַפּיטאַליסטיש פאַטערלאַנד. זיי די קאָמוניסטען האָבען פאַרשטאַנען, אַז מ'קאָן אויפ'ן סמך פון מאַרקס אַלצדינג טון, פירן קלאַסענקאַמף, צוגרייטען אַ באַוואָפענטען אויפשטאַנד און אָרגאַניזירן דעם בירגערקריג, נאָר בשום אופן נישט פירן מלחמה צווישען דעם פּראָלעטאַריאַט פון איין פאָלק און דעם פּראָלעטאַריאַט פון אַ אַנדערן פאָלק. דער חילוק צווישען אַלע די תנאים ואמוראים פון מאַרקס און צווישען לענין־לוקסעמבורג איז געווען דער, וואָס קויטסקי, פּלעכאַנאָוו

און רענער האבען געמאכט פון מארקס'ן א גאט, און זיי, אליך זיינע „אמת'ע" כהנים האבען געבענטשט די חילות פון זייערע פאטערלענדער מיט א ברכה פון מארקס לוחות הברית. לענין און לוקסענבורג האבען אבער מארקס'ן גענומען אליך א שיטה, אליך א מעטאד, אליך א וועלטאנשויאונג און האבען ריכטיג פארשטאנען, אז דער מהות פון דער מארקסיסטישער וועלטאנשויאונג באשטייט אין דעם, וואס זי באטראכט יעדען מין קריג, וועלכען ס'פירן אזעלכע מלוכות, וואס זיינען אינעווייניג געשפאלטען אין קלאסען פאר א פועל־יוצא פון די קלאסענאינטערעסען פון דעם הערשענדיגען קלאס. דערפאר טאקע האבען זיי, די באלשעוויקעס, פארשאלטען די מלחמה און טאקע אזוי, אז יעדער פון זיי האט געשאלטען און געקעמפט אקעגען זיין „אייגען" פאטערלאנד, אקעגען די הערשענדיגע קלאסען פון זיין „אייגענעם" פאלק. דער מארקסיזם פונ'ם מארקסיסטישען צענטרום, האט זיך פאר אונז אנטפלעקט אין דער געשטאלט פון א . . . מלחמה־התלהבות, שפעטער אינ'ם בעסטען פאל, פון א פאציפיסטישער פארמעל: „נישט נצחון און נישט מפלה", פון א קריגסנאציאנאליזם. דער מארקסיזם פון די קאמוניסטען לענין־לוקסענבורג האט זיך אנטפלעקט אין דער געשטאלט פון א אמת'ן . . . אינטערנאציאנאליזם.

אין די אייסערע פאליטיק פון דער קאמוניסטישער שיטה: אינטערנאציאנאליזם, טא איז און בלייבט איר אינערע פאליטיק: קלאסענקאמף.

אפשאצענדיג דעם אמת'ן ווערט פון אלע סאציאלע־רעפארמען וויסט זי, אז נאר די סאציאלע־רעוואלוציע, וועט זיין בכח אפצושאפען די קלאסענטיילונג און דערמיט די קלאסענגעגענזאצען: נישט אפלייקענדיג די גרויסע פעולה פון דער בירגערליך־דעמאקראטישער אנטוויקלונג פארשטייט זי, אז נאר די דיקטאטור פונ'ם פראלעטאריאט מאכט ערשט מעגליך די סאציאלע רעוואלוציע:

אנאליזירנדיג דאס פאקטישע כחות־פארהעלטעניש אין דער היינטיגער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט קומט זי צו דעם אלטען כלל פון מארקס, אז יעדע מלוכה־פארם איז לויט איר מהות א דיקטאטור פונ'ם הערשענדיגען קלאס איבער אלע אנדערע קלאסען פון דער געזעלשאפט און אז די דאזיגע דיקטאטור און מיט איר יעדער מין מלוכה־פארם קאן נאר דעמאלט ווערן אפגעשאפט, ווען ס'ווערט אפגעשאפט דער ווירטשאפטס־אופן, וואס איז באגרינדעט אויף דער קלאסענטיילונג פון דער געזעלשאפט. רעכענענדיג זיך מיט דער רעאלער ווירקליכקייט קומען די קאמוניסטען צו דער מארקסיסטישער אויפפאסונג: אז די קאפיטאליסטישע ווירטשאפטסארדנונג איז באמת א געזעצליך פארמאסקירטער בירגערקריג אין פערמאנענץ, אז דעם דאזיגען בירגערקריג פירט די בורזשואזי מיט אלע כלי זין, וואס ס'גיט איר דער גאנצער מלוכה־אפאראט.— חיל, פאליציי, ביוראקראטי א. ד. ג. און אז דער פראלעטאריאט מוז אליך איינס, אויב ער וויל אדער נישט, אליך איינס אויב ס'איז אונז ניחא אדער נישט אין אפענעם בירגערקריג

פארכאפען די פאליטישע מאכט און אויף אזא אופן צושטערן די אלטע בירגערליכע פארמען פונ׳ם מלוכה־אפאראט און שאפען נייע פראלעטארישע מלוכה־פארמען, וואס זאלן באפעסטיגען די הערשאפט פונ׳ם ארבייטער־קלאס און אים געבען דעם כח איבערצובויען די געזעלשאפט אויף אזעלכע יסודות, וועלכע שאפען אפ יעדער מין הערשאפט און דערמיט אויך יעדער מין מלוכה־פארם.

אפשאצענדיג די גרויסע השפעה פונ׳ם ארגאניזירטען פראלעטאריאט אין די דעמאקראטישע לענדער אויפ׳ן גאנג פון דער פראדוקציע און אויפ׳ן פאליטישען סיסטעם, ווייסט זי, אז קיין שום געזעץ פון א בירגערליכען פארלאמענט קען אליין קיינמאל נישט באקומען אזא מאכט בכדי צו סאציאליזירן די פראדוקציע און קאמוניזירן דעם געברויך, אז קיין שום פלאן פון א ארגאניזירטער ווירטשאפט איז נישט מסוגל צו איבעררייזדען די בורזשוי־אזי, זי זאל פרייוויליג איבערגעבען אדער פארקויפען די ווירטשאפטליכע מאכט אין די הענט פון דער ארבייטענדיגער געזעלשאפט און אז נאר די אומברחמנות׳דיגע עקספראפריאציע פונ׳ם גאנצען פריוואטאייגענטום קאן שאפען די גרונדלאגע פאר א סאציאליסטישען ווירטשאפטס־אופן.

ארגאניזירנדיג דעם ארבייטערקלאס צום קאמף פאר זיינע טאג־טעגליכע באדערפענישען ווארנט די קאמוניסטישע שיטה אים פאר דער מסוכ׳נער אילוזיע, אז דערמיט אליין, וועט שוין קומען די גאולה און גרייט אים צו צום קאמף פאר זיינע היסטארישע קלאסענאינטערעסען, פאר׳ן סאציאליזם. אויסנוצענדיג אלע בירגערליך־דעמאקראטישע מעגליכקייטען פאר׳ן פראלעטארישען קאמף לערנט אבער די קאמוניסטישע שיטה אויף שריט און טריט דעם ארבייטערקלאס, אז נאר דער פשרות־פרייער קלאסענ־קאמף קאן פירן צום ציל.

און דער עיקר פון דער קאמוניסטישער וועלטאנשויאונג איז . . . זי קוקט נישט מעכאניש אויף דער אנטוויקלונג. די אנטוויקלונג איז פאר איר, ווי מארקס האט געלערנט, א געזעץ, אבער א געזעץ, וואס ס׳ווערט צו גאר א גרויסען טייל געשריבען דורך די ארבייטענדע פאלקסמאסען. זי מאכט דעם פראלעטאריאט בכן נישט צום פאסיווען באאבאכטער, אדרבה זי גרייט אים כסדר צו, צו מעשים און מאכט אים אויף אזא אופן צום אקטיווען טרעגער פון דער געשיכטליכער אנטוויקלונג.

בשעת מיר פועלי ציון־קאמוניסטען פארלאנגען, אז אונזער באוועגונג זאל ווערן קאמוניסטיש מיינען מיר דערמיט, אז זי זאל אידעאלאגיש געהערן צו דער דריטער שיטה פון דער ארבייטער—באוועגונג—צו דער מארקסיס־טישער. מיר האלטען, אז די דאזיגע שיטה איז די איינציג ריכטיגע.

מיר מיינען אבער נישט, אז מ׳קאן אין אלגעמיינע סאציאליסטישע פראגען זיין באלשעוויק און אין שפעציעל יודישע ארבייטער פראבלעמען זיין מענשעוויק אדער אומאפהענגיגער. ניין, מיר שטרעבען דערצו, אז אונזער וועלטפארבאנד זאל האבען איין איינהייטליכען קוק אויף אלע, סיי אלגע־

מיינע און סיי יודישע ארבייטער ענינים, און אז אט דער קוק זאל זיין א קאמוניסטישער.

מיר האבען בכיון אנגעהויבען אונזערע באטראכטונגען איבער די פראבלעמען פון דער יודישער ארבייטערפאליטיק נישט מיט אלגעמיינע ארבייטער־פראגען נאר טאקע מיט די ספעציפיש־יודישע ענינים, בכדי צו באוויזען: אט אזוי פארשטייען מיר קאמוניסטען־פועלי ציון די אויפגאבען פון דער יודישער ארבייטערבאוועגונג און אט אזוי מיינען מיר קאן אונזער וועלטפאר־באנד די דאזיגע אויפגאבען דערפולן.

מיר מיינען נישט, אז אונזער פארבאנד מוז נאכטון די קאמוניסטען אלץ וואס זיי טון; מיר וועלן נישט זיין קיין פשוטע איבערזעצונג פון דעם, וואס אנדערע זאגען, ניין. דאס וואלט כלל וכלל נישט געווען קאמוניסטיש.

קאמוניסט זיין הייסט נישט איבער׳חזר׳ן אות באות וואס אנדערע זאגען. ניין. קאמוניסט זיין הייסט: כסדר באטראכטען די גאנצע געזעל־שאפטליכע אנטוויקלונג פון א מארקסיסטישען שטאנדפונקט און תמיד האנדלען בהסכם מיט דער אידעע פונ׳ם מארקסיסטישען קלאסענקאמף.

פועלי ציון־קאמוניסט זיין הייסט: באטראכטען די אנטוויק־לונג פונ׳ם יודישען געזעלשאפטליכען לעבען אין זיין פאק־טישען צוזאמענהאנג מיט דער ארומיגער סביבה פונ׳ם שטאנדפונקט און אינ׳ם גייסט פון דער מארקסיסטיש־קאמוניסטישער שיטה; פארשטייען די שפעציעלע פראבלעמען פון דער יודישער ארבייטער באוועגונג אלץ א פועל יוצא פון אט דער געזעצמעסיגער אנטוויקלונג און באשטענדיג האנדלען בהסכם מיטן פרינצ׳פ פונ׳ם מארקסיסטישען קלאסענקאמף.

פועלי־ציון־קאמוניסט זיין הייסט: פירן דעם קלאסענקאמף פונ׳ם יו־דישען פראלעטאריאט אויפ׳ן גאנצען שטח פון דער יודישער ווירקליכקייט לויט די מעטאדען און פרינציפען פונ׳ם דריטען קאמוניסטישען אינטער־נאציאנאל.

VIII. אינטערנאציאנאל.

ס׳איז בײ אונז פועלי־ציון געווארן א מנהג צו ריידען, צו הענקען און צו האנדלען אין דער פראגע וועגען אינטערנאציאנאל אזוי, גלייך ס׳וואלט געווען א פראגע פון צוויי צדדים, וואס ווילן אדער מוזען שליסען א אפמאך צווישען זיך. מ׳האט זיך בײ אונז צוגעוואוינט צו באטראכטען דעם דאזיגען ענין ריין מעכאניש, ריכטיגער געזאגט ריין ארגאניזאטאריש. מ׳הערט פון אלע זייטען בערך אזא מין ארגומענטאציע, וואס באוויזט, אז די חברים — אויך א סך פון די פירנדיגע פאראנטווארטליכע חברים — מיינען אז דאס פראבלעם: „אינטערנאציאנאל״, איז פאר אונז נישט מער ווי א פראגע: וואוהין זאלן פארן אונזערע פארטרעטער פונ׳ם פארבאנדסביורא, קיין גענף, קיין מאסקווע אדער קיין . . . צו דער אויפבוי־קאנפערענץ פון די אומאפהענגיגע סאציאלדעמאקראטען; דאס הייסט אין וועלכער אינטער־

נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע זאָלן מיר פּועלי ציון זיך אָרגאַניזאַטאָריש אָנ־שליסען. ס'איז דערפאַר קיין חידוש נישט, וואָס ביי אַזאַ מעכאַנישען אויפ־פאַסען פון'ם פּראָבלעם פאַרפאַלן אַ סך פון אונזערע חברים אויף דער המצאה צו שטעלן תנאים דעם אָדער יענעם אינטערנאַציאָנאַל. זיי זען פון דער גאַנצער זאַך נישט מער, ווי דאָס אויסערליכע, דאָס טפל'דיגע און וויבאַלד אַזוי, ווי באַלד ס'איז מער נישט נאָר אַ פראַגע פון „געבען און נעמען", דעמאָלט ווילן זיי טאַקע וואָס מער פאַר אונז אַרויסשלאָגען, בפרט נאָך, אַז מיר פּועלי־ציון פאַרלאַנגען חס ושלום גאָרנישט אומגערעכטעס: נאָר די אָנערקענונג פון אונזער יודישען סאָציאַליסטישען פּראָגראַם און דער־מיט במילא די אָנערקענונג פון אונזערן פאַרבאַנד אַלץ די יודישע סעקציע פון'ם . . . אינטערנאַציאָנאַל.

דערפאַר טאַקע איז נויטיג צו דערמאָנען די חברים, אַז דאָס פּראָבלעם פון'ם אינטערנאַציאָנאַל ליגט פאַר אונז אַ סך טיפער, אַז ס'איז כלל וכלל נישט בלויז אַ אויסערליכע, ריין אָרגאַניזאַטאָרישע פראַגע, אַז וויכטיג איז פאַר אונז נישט נאָר די פראַגע, וועלכער אינטערנאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע מיר זיינען אָנגעשלאָסען, נאָר קודם כל וועלכע אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטיק מיר מאַכען, סיי אויפ'ן געביט פון אַלגעמיינע און סיי אויפ'ן געביט פון ספּעציעלע יודישע אַרבייטער־ענינים. ווען מיר דאָס פּראָבלעם אַזוי באַטראַכטען, דעמאָלט וועלן מיר אפשר אויך אויפשטעלן באַשטימטע תנאים, אָבער נישט פאַר'ן צווייטען צד, פאַר'ן אינטערנאַציאָנאַל, נאָר טאַקע פאַר זיך אַליין. און דער דאָזיגער תנאי וועט זיין: איידער מיר גייען אַריין אין וועלכען ס'איז נישט אינטערנאַציאָנאַל זאָלן מיר קלאָר און אָפען זאָגען סיי אונזערע חברים און סיי דעם אינטער־נאַציאָנאַל, וועלכע פון די דריי וועלטאַנשויאונגען, וואָס שפּאַלטען די אַרבייטערבאַוועגונג האַלטען מיר פאַר דער ריכטיגער, דאָס הייסט, וועלכע פון די דריי וועלטאַנשויאונגען איז אונזערע.—די סאָציאַל־רעפאָרמיסטישע, פון די אַזוי־גערופענע מערהייטס־סאָציאַליסטען, די רעפאָרמיסטיש רעוואָ־לוציאָנאַריסטישע פון'ם מאַרקסיסטישען צענטרום אָדער די מאַרקסיסטיש־קאָמוניסטישע פון'ם דריטען אינטערנאַציאָנאַל. מיר מוזען דאָך סוף כל סוף אַליין וויסען ביי וועלכער פּרשה מיר האַלטען און דער עיקר טאַקע: מי ומי ההולכים.

אַט למשל מיינט חבר צוקערמאַן:

„אָבער איין האַנדלונג פון די רוסישע באָלשעוויקעס קאָן, ווי מיר שיינט, אַנדערש נישט באַצייכענט ווערן, ווי — אַ פאַרברעכען! אַ פאַרברעכען, וואָס די געשיכטע וועט זיך מוזען רעכענען פאַר דעם. איך האָב אין זינען, דעם דריטען אינטערנאַציאָנאַל, וואָס זיי האָבען אָרגאַניזירט".

חבר יאַרבלום ווידער וועלכער האָט נאָך מיט ניין חדשים צוריק אין שטאָקהאָלם געוואָלט רעוואָלוציאָניזירן דעם צווייטען

אינטערנאַציאָנאַל און האט געשיט פעך און שוועבעל אויף אונז קאמוניסטען, ווייל מיר האבען געזאגט, אַז ס'איז נישט די אויפגאַבע פון פועלי־ציון מחיה־מתים צו זיין און אַז זיי זיינען דאס אויך גאר נישט בכח צו טון. אט דער אייגענער חבר יארבלום האַלט שוין אַצינד, אַז „דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל איז געשטארבען".

אבער בשעת חבר יארבלום, וואס האט שוין געפועלט ביי זיך צו שטעלן א מצבה דעם צווייטען אינטערנאציאנאל, וויל נאך אליין גיין אויף קבר־אבות און זוכט איינעם מיט די פאריתום'טע רעוואלוציאנערע סאציאל־דעמאקראטען אויפצובויען א „נייען" אינטערנאציאנאל, האלטען מיר קאמוניסטען, אַז דער דריטער אינטערנאציאנאל, כאטש ער איז נישט נ י י איז ער אבער ד ע ר אינטערנאציאנאל, דאס הייסט, די דאזיגע ארבייטערארגאניזאציע, וועלכע איז איינציג און אליין מסוגל צוצוגרייטען דעם ארבייטערקלאס צום קאמף פאר דער פראלעטארישער דיקטאטור.

און דאס אליין איז נישט חס ושלום דערפאר ווייל יעדער פון אונז איז פערזענליך מער נוטה קיין גענף. קיין מאָסקווע אדער צום ארכיטעקטאנישען ווידעראויפבוי, ניין, פשוט דערפאר ווייל יעדער פון אונז גייט ארויס פון א אַנדערער וועלט־אנשויאונג. איינער פון דער סאציאל־רעפארמיסטישער, דער צווייטער פון דער רעפארמיסטיש־רעוואלוציאנאריסטישער און דער דריטער פון דער מאַרקסיסטיש־קאָמוניסטישער. דערפאר טאקע וועט אונזער קומענדיגע וועלטקאנפערענץ מוזען אנטשיידען נישט בלויז דאריבער, וועלכען אינטערנאציאָנאל מיר זאָלן אונז אנשליסען, נאָר וועלכע פון די דריי וועלט־אנשויאונגען מיר האלטען פאר דער אמת'ער, מיט אנדערע ווערטער לויט וועלכע מעטאָדען ווילן מיר פועלי־ציון פירן דעם קלאסענקאמף פונ'ם יודישען פראלעטאריאט פאר זיין סאציאלער און נאציאנאלער באפרייאונג, לויט די מעטאדען פונ'ם צווייטען (ער לעבט נאך חבר יארבלום, ווען אויך נאָר אין גייסט און אויך דאָ נאָר אליין עבר בטל), פונ'ם נאך נישט געשאפענען נ י י ע ן, אָדער פונ'ם דריטען קאָמוניסטישען אינטערנאציאנאל.

אָט אזוי שטייט די פראגע.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און פונ'ם ענפער אויף דער פראגע איז אָפהענגיג דער ענפער, וואס מיר וועלן געבען אויף די אָנגעוועטאגטע פראָבלעמען פון דער גאנצער יודישער ארבייטער־פאָליטיק.

ס'איז פאר קיינעם קיין סוד נישט, אז א טייל פון אונזערע מרגלים האבען מיט דער לופט פון ארץ ישראל אויך איינגעאָטעמט דעם שטויב פון די משכילים און אליין פועל־יוצא דערפון פרובען זיי אצינד שטעלן דער פועלי־ציוניסטישער באוועגונג נייע פאקען. און טאקע אויף ביידע הענט: אויף דער לינקער האנט באלשעוויסטישע פאקען און אויף דער רעכטער ציוניסטישע פאָקען. פאר דער וועלט, פאר לייט, פאר דער „גוישער" ארבייטער־באוועגונג איז מען כמעט קאמוניסט, פאר דער יודישער ארבייטערבאוועגונג אָבער זוכט מען נאָכאמאל דעם וועג פון כלל ישראל פאָליטיק.

אומעטום, אין ירושלים, אין ווין און אין ווארשוי קאן מען אצינד הערן פון די מרגלים, אז זיי זיינען פאר׳ן דריטען אינטערנאציאנאל, אבער, אדער גראד דערפאר פאר׳ן פארבלייבען אין דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, ווארום — אזוי לערנען אונז די נייע פרישגעבאקענע באלשעוויקעס — די ציוניסטישע באוועגונג איז פריי פון יעדען „קלאסענכאראקטער“, פון יעדער קלאסענאידעאלאגיע. די ציוניסטישע ארגאניזאציע איז דערפאר סתם א כלל ישראל חברה פאר איבערקלאסענאינטערעסען, אויף אזא אופן מוזען מיר באלשעוויקעס פועלי־ציון אהינצו גיין און זי רעוואלוציאניזירן, פארלאנגען און דורכזעצען, אז די יודישע בורזשואזי זאל קאלאניזירן פאלעסטינא אויף סאציאליסטישע יסודות. אט אזוי ווערט געבוירן די אומגעלומפערטע „אריגינעליטעט“ פון „היסטארישע רעכטע“, „נאציאנאלער הלואה“ און „דריטען אינטערנאציאנאל“, וועלכע איז מסוגל צו פארטונקלען די מוחות פון די יודישע ארבייטער און צו פארפירן אונזער באוועגונג אויפ׳ן גליטשיגען וועג פון גאולה־אוואנטוריעם.

דערפאר חזר׳ן מיר איבער נאכאמאל און נאכאמאל. אונזער וועלט־קאנפערענץ וועט מוזען זאגען ווער מיר זיינען: ציוניסטען סאציאליסטען, רעוואלוציאנערע סאציאלדעמאקראטען, אדער מארקסיסטען־קאמוניסטען. און טאקע נישט נאר פאר די אומות־העולם נאר פאר אונז אליין, פאר אונזער יודיש שטעדטעלע, פאר׳ן קלאסענקאמף פונ׳ם יודישען פראלעטאריאט אויפ׳ן גאנצען שטח פון דער יודישער ווירקליכקייט.

די מעכאנישע, ריין ארגאניזאטארישע אויפפאסונג פונ׳ם דאזיגען פראבלעם, וואס הערשט אין אונזערע רייען איז אויך משפיע די אפשאצונג פונ׳ם אינטערנאציאנאל גופא. אט אזוי קען מען הערן ביי אונז אזעלכע משונה׳דיגע סברות, ווי „דארט, וואו די מערהייט פונ׳ם פראלעטאריאט איז, דארט מוזען מיר פועלי־ציון אויך זיין“: אדער „דער דריטער אינטערנאציאנאל איז א קערנדעל, ארום וועלכען ס׳מוזען זיך גרופירן אלע רעוואלוציאנערע ארבייטערפארטייען, א קערנדעל, אבער נאך נישט דער קערן“: אדער „דער דריטער אינטערנאציאנאל איז א סעקטע, וואס גרעניצט און צוימט זיך אפ פונ׳ם פראלעטאריאט“, „דער דריטער אינטערנאציאנאל שטייט אונטער דער דיקטאטור פון מאסקווע“: דערצו קומען נאך ריין פועלי־ציוניסטישע טענות, ווי: די מערב אייראפעאישע סאציאליסטישע פארטייען האבען אונז אנערקענט און אויפגענומען, דער דריטער אינטערנאציאנאל וועט אונז דיקטירן מיר זאלן אויפהערן זיין פועלי־ציון: צום שלום הערט מען נאך ביי אונז דעם ארגומענט: באשר פאלעסטינע ליגט ביי ענגלאנד אין דער האנט און אויף ענגלאנד קענען מיר משפיע זיין נאר דורך דער ענגלישער ארבייטערפארטיי, טארן מיר פועלי־ציון נישט אריין גיין אין אזא אינטערנאציאנאל, אין וועלכען די „לייבור־פארטיי“ וויל נישט אריינגיין.

וויל מען זיך אליין אפגעבען א קלארן דין וחשבון מכח דעם, וואס דער אינטערנאציאנאל איז און ווי אזוי ער מוז אויסזען,

טאָ מוז מען קודם כל געדענקען, אז די אינטערנאציאנאלע ארבייטערפאריייניגונג איז קיינמאָל נישט געווען קיין פראַגע פון מיעוט און רוב, פון קערן און קערנדל, אויך נישט פון גרעסערער אָדער קלענערער השפעה פון דער אָדער יענער פארטיי אויף דער אָדער יענער רעגירונג. ניין. דאס עיקר פראָבלעם באשטייט אין דעם: וועלכע סאציאליסטישע שיטה ווייזט דעם ארבייטערקלאס דעם וועג, וואָס פירט פון קאפיטאליסטישער קנעכטשאפט צו סאָציאליסטישער פרייהייט, וועלכע סאָציאליסטישע פארטייען זיינען לויט זייער אינעווייניגדיגען מהות מסוגל צו פירן דעם ארבייטערקלאס אויף דעם דאָזיגען וועג און וועלכע פאריייניגונג פון סאָציאליסטישע פארטייען איז די, וואָס איז בכח ווידער לויט איר אינעווייניגדיגען מהות צוצוגרייטען דעם פראָלעטאריאט צום לעצטען און אנטשיידענעם קאמף פאר'ן סאָציאליזם.

פאַרטיפען מיר אונז א ביסעל אין דער געשיכטע פונ'ם אינטערנאַציאָנאַל, טאָ קומען מיר צו דעם אינטערעסאַנטען פאַר אַ סך חברים איבערראשענדען רעזולטאט: אַז דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל, איז גאָר נישט קיין אַנדערער, ווי דער צווייטער און דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל, יאָ, אַז ער שטאַמט גאָר אָפּ נאָך פונ'ם קאָמוניסטען־בונד, פון וועלכען מאַרקס האָט שוין געוואָלט מאַכען דעם אינטערנאַציאָנאַל.

אין דער אמת'ן, זיינט דער סאָציאַליזם איז באַגרינדעט אויף די צוויי הויפט יסודות פונ'ם מאַרקסיזם, אויף קלאַסענקאַמף און אינטערנאַציאָנאַליטעט איז עס קלאָר, אַז נאָר די דאָזיגע אַרבייטערפּאַרטייען און נאָר די דאָזיגע אינטערנאַציאָנאַלע פאַרייניגונג זיינען מסוגל צו דערפילן זייערע היסטאָרישע אויפגאַבען, וועלכע זיינען לויט זייער גאַנצען מהות באמת אינטערנאַציאָנאַל און וועלכע מאַכען א פּאָליטיק פון פשרות־פרייען קלאַסענקאַמף. אַלע אַנדערע פּאַרטייען און פאַרייניגונגען — מעגען זיי זיך אָנרופען ווי זיי ווילן, מעגען זיי באַשטייען פון לויטער תנאים ואמוראים — זיינען אין תוך גענומען בשום אופן נישט קיין מאַרקסיסטישע סאָציאַליסטען.

די געשיכטע לערנט אונז, אז שוין אינ'ם שוים פונ'ם ערשטען קאָמוניסטען־בונד (1851) האָבען געלעבט פאַרשידענע ריכטונגען פון דער אַרבייטערבאַוועגונג און אַז די מאַרקסיסטיש־קאָמוניסטישע איז געווען די דאָזיגע שיטה, וואָס האָט שוין דעמאָלט געפּרובט אוועקשטעלן די ארבייטערבאַוועגונג אויף די יסודות פון קלאַסענקאַמף און אינטערנאַציאָנאַליטעט, ווי מאַרקס האָט דאָס פאַרשטאַנען און וואָס האָט שוין דעמאָלט געהאַלטען פאַר נויטיג אָפּצושיידען זיך פון אלע אנדערע, רעפאָרמיסטישע בלאַנקיסטיש־פוטשיסטישע און אנארכיסטיש־קליינבירגערליכע שטרעבונגען, וואָס האָבען זיך אַריינגעגנב'עט אינ'ם קאָמוניסטען־בונד. א באַזונדערע פלאַג האָט

דעמאָלט אין די יאָרן 1848—1851 געהאַט די מאַרקסיסטישע ריכטונג און די „ראַוואָלוציאָנסמאַכער" און „נאַציאָנאַלע העלדען", ווי קאַשוט, מאַציני בלאַנק א. א. וואָס האָבען געלעבט פון רעוואָלוציאָנס־ראָמאַנטיק: אַזוי למשל מאָטיווירט מאַרקס אויף דער לעצטער זיצונג פון דער צענטראַלע פונ׳ם קאָמוניסטען־בונד (15 סעפטעמבער 1850) זיין פאָרשלאַג אויף אַ תיכף׳דיגער שפּאַלטונג בזה הלשון:

„אויפ׳ן אָרט פון דער קריטישער אַנשויאונג זעצט די מינדערהייט אַ דאגמאַטישע, אויפ׳ן אָרט פון דער מאַטעריאַליסטישער אנשויאונג א אידעאליסטישע. נישט דיווירקליכע פאַרהעלטעגישען, נאָר זייער אייגענער רצון ווערט ביי זיי דער כח פון דער רעוואָלוציע. „בשעת מיר זאָגען די אַרבייטער: איר מוזט דורכמאַכען 15, 20, 50 יאָר בירגערקריג און פעלקער־מלחמות, בכדי איר זאָלט אייך אַליין איבעראַנדערשען און ווערן מסוגל איבערצונעמען די פאָליטישע הערשאַפט, זאָגט איר די אַרבייטער להיפוך: מיר מוזען תיכף באַקומען די הערשאַפט ווען נישט מעגען מיר אונז לעגען שלאָפען" *)

און אַזוי האָט זיך דער קאָמוניסטען־בונד געשפאלטען אין אַ „ווילליך־שאַפּער פאַרטיי" און אַ „מאַרקס־פאַרטיי".

בשעת די ווילליך־שאַפּער־פּאַרטיי איז שפּעטער אינגאנצען פאַרשוואונדען האָט זיך דער געזונטער מאַרקסיסטישער קערן פונ׳ם קאָמוניסטען־בונד אַזוי פונאַנדערגעוואַקסען, אַז ס׳איז פון אים אָרגאַניש אנטשטאנען דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל.

אָבער אויך אין דער דאָזיגער צווייטער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער־פאַראייניגונג האָבען זיך מיט דער צייט אַנטוויקעלט גרויסע אינעווייניגדיגע סתירות, וועלכע זיינען דעמאָלט נאָך אַלץ געווען הויפּטזעכליך צווישען מאַרקסיסטישער און בלאַנקיסטיש־קאָמוניסטישער ריכטונג, אַזוי אַז א סך כלומרש׳טע פאָרשער פאַרפאַלן אין דעם גרויסען טעות און האַלטען אין דעם אידעען־קאַמף מאַרקס׳ן פאַר׳ן רעכטען און באַקונין פאַר׳ן לינקען.

אָבער ס׳קומט דער טאָג פון דער גרויסער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. ס׳קומט די פאַריזשער קאָמונע (1871) און ס׳בעווייזט זיך בעשייגפערלעך, אַז די סתירה מאַרקס־באַקונין האָט נאָר אַזוי לאַנג געהאַט א היסטאָרישען זין, ווי לאַנג ס׳האָט געהערשט אַ פולשטענדיגע רעאַקציע, ווי לאַנג דער אַרבייטערקלאַס איז נישט אַרויסגעטראָטען אָפען אין קאַמף. אין דעם מאָמענט אָבער, וואו דער פּראָלעטאַריאַט האָט געפּרובט צו פאַרכאַפּען די פאָליטישע מאַכט אין פראַנקרייך אין זיינע אייגענע הענט האָט זיך אַרויסגעוויזען אַ „נייע", אַ מורא׳דיגע סתירה, די איינציגע און דויערנדיגע סתירה צווישען דעם קאָמוניסטישען און דעם רעפאָרמיסטישען פליגעל פונ׳ם אינטערנאַציאָנאַל.

בשעת באַקונין האָט מיטגעקעמפט אויף די באַריקאַדען אין פראַנקרייך, בשעת מארקס האט נישט געזוימט צו דערקלערן: די פאַריזשער קאָמו־

*) קאַרל מאַרקס: דער קאָמוניסטען־פּראָצעס אין קעלן.

נע דאָס איז אוּנזער ווערק — מעשה אינטערנאַציאָנאַל, זיינען הויפּטזעכליך די ענגלישען טרעדיוניאָניסטען געבליבען שטייען און נישט געוואוּסט: זאָלן זיי בענטשען די קאָמוּנע אָדער שעלטען. און ווען זיי האָבען געזען, ווי מאַרקס דעקט מיט זיין אויטאָריטעט, מיט זיין וויסען און מיט זיין קענען די קאָמוּנאָרן (כאָטש די בלאַנקיסטען זיינען געווען אין דער מערהייט) און קעמפּט ווי א ליִיב פֿאַר דער קאָמוּנע אַקעגען די רכילות פֿוּן דער בורזשואַזי, און ווען זיי האָבען געהערט, ווי מאַרקס מאַכט חוזק פֿוּן אַלע בלומרש׳טע גרוילטאַטען, פֿוּן אַלע פֿאַלשע און אמת׳ע ידיעות איבער דער שרעקליכער אכזריות׳דיגקייט פֿוּן די קאָמוּנאָרן האָבען די רעפֿאָרמיסטען זיך אָפּגעטרעסעלט פֿוּן מאַרקס׳ן. אין דעם מאָמענט איז דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל שוין באמת געווען געשפּאָלטען.

פֿאַר אוּנז בלייבט די גרויסע ירושה פֿוּן מאַרקס „דער אַדרעס פֿוּנ׳ם גענעראַלראַט פֿוּן אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער־פֿאַרייניגוּנג וועגען דעם בירגערקריג אין פֿראַנקרייך“ (12. יוּני 1871) אַליין אַ ביישפּיל: ווי אַזוי די מאַרקסיסטיש־קאָמוּניסטישע שיטה שאַצט אָפּ און מוּז אָפּשאַצען די פֿאַרשידענע פֿאָרמען פֿוּן פּראָלעטאַרישער רעוואָלוּציע. און נאָך שפּעטער אינ׳ם יאָר 1891 רוּפֿט ענגעלס אוים: „דער דייטשער פֿיליסטער איז ווידער אַמאָל אַריינגעפֿאַלן אין מרה־שחורה ביים וואָרט: דיקטאַטוּר פֿוּנ׳ם פּראָלעטאַריאַט! נוּן גוּט איר הערן, ווילט איר וויסען, ווי ס׳זעט אוים די דאָזיגע דיקטאַטוּר? קוּקט אייך אָן די פּאַריזשער קאָמוּנע. דאָס איז געווען די דיקטאַטוּר פֿוּנ׳ם פּראָלעטאַריאַט *)

אָט די מאַרקסיסטישע ירוּשה האָט זיך קוים איבערגעראַטעוועט אינ׳ם צווייטען (נאָך מיין רעכנוּנג דריטען) אינטערנאַציאָנאַל.

דאָס גרויסע און שטאַרקע וואַקסען פֿוּן דער אַרבייטערבאַוועגוּנג אין גאַנץ אייראָפּע, די דעמאָקראַטישע מלוכה־פֿאָרמען און די השפּעה פֿוּנ׳ם אָרגאַניזירטען אַרבייטערקלאַס האָבען גורם געווען, אַז אינ׳ם צווייטען אינטערנאַציאָנאַל איז די השפּעה פֿוּנ׳ם מאַרקסיסטיש־קאָמוּניסטישען פֿליגעל געווען זער גרינג. דערפֿאַר אָבער די השפּעה פֿוּן די רעפֿאָרמיסטען אוּמגעהויער גרויס. איין זיץ אין פּאַרלאַמענט איז געוואָרן וויכטיגער און דער עיקר וואוּנשענסווערטער אַליין צוּ באַריקאַדען, אַ קלענערער אַרבייטס־טאָג, גרעסערע שכירות זיינען געוואָרן טייערער ווי דער רעוואָלוּציאָנערער קאַמף, דעמאָקראַטישע אַנטוויקלוּנג איז געוואָרן דער אני מאמין פֿוּנ׳ם צווייטען אינטערנאַציאָנאַל, בירגערקריג איז אַריינגעלייגט געוואָרן אין חרם אַריין, מ׳האָט אפילו נישט געטאָרט ריידען דערפֿוּן.

אָבער פּוּנקט אַזוי ווי בירגערליכע דעמאָקראַטיע קאָן נישט בטול מאַכען די קלאַסענגעגענזאַצען אַזוי האָט אויך דער סאָציאַלדעמאָקראַטישער רעפֿאָרמיזם נישט געקאָנט עוקר מן השורש זיין דעם קאָמוּניסטישען געדאַנק. לוּקסעמבוּרג און לענין האָבען תמיד געוואָרנט. און מ׳מוּז זיך נאָר דערמאָנען אין זייער רעזאָלוּציע אויפֿ׳ן שטוּטגאַרטער אינטערנאַציאָנאַלן

---

*) פֿרידריך ענגעלס: איינלייטוּנג צוּם בירגערקריג אין פֿראַנקרייך 18. מאַרט 1891.

קאנגרעס (1907) מכּח אימפּעריאַליזם, קריג און סאָציאַלע רעוואָלוציע, בכדי צו דערקענען אין זיי גייסט פון מאַרקס גייסט, גאונות פון מאַרקס גאונות און רעוואָלוציאָנערעם קריטישעם דענקען, צו וועלכען ס'איז פעהיג נאָר אַ קאָמוניסט. שוין דעמאָלט, 1907 האָבען זיי דעם אימפּעריאַליסטישען קריג באַטראַכט אַלץ א נאָנטע מעגליכקייט, יאָ, אַלץ א וואַרשיינליכקייט. און אַזוי ווי קאָמוניסטען רעכענען באַשטענדיג מיט דער רעאַלער ווירקליכקייט און „לעגען זיך קיינמאָל ניט שלאָפען", אפילו, ווען אַנדערע דאכט זיך אויס, אז מ'קאַן גאָר ניט טון, האָבען זיי, ל ע נ י ן און ל ו ק ס ע נ ב ו ר ג געזוכט און טאַקע געפונען די רפואה פאַר דער מכּה. ברעכט אויס די אימפּעריאַליס־טישע מלחמה, האָבען זיי געזאָגט, דעמאָלט מוזען די אַרבייטער־פּאַרטייען אויסנוצען דעם קריזיס פון'ם קאַפּיטאַליזם, בכדי אויפצומונטערן דעם באַוואוסטזיין פון די ברייטע אַרבייטענדיגע מאַסען און בכדי אַראָפּוואַרפען דעם יאָך פון'ם קאַפּיטאַליזם און אויפריכטען די הערשאַפט פון'ם סאָציאַליזם. קלאָרע דבורים. זיי האָבען ניט געגלויבט אין דעם, אַז מ'וועט קאָנען פאַרמיי־דען אָדער גאָר פאַרהיטען די מלחמה, זיי האָבען אָבער אויך ניט געטראַכט צו קאַפּיטולירן פאַר'ן מיליטאַריזם.

און מיר זעען. דער רוב פּאַרטייען פון'ם צווייטען אינטערנאַציאָנאַל, וואָס האָבען אין שטוטגאַרט אָנגענומען די רעזאָלוציע לענין — לוקסעמבורג, און וואָס האָבען זי שפּעטער אין באַזעל באַשטעטיגט, האָבען ביים אויס־ברוך פון דער מלחמה באמת'ן „זיך געלעגט שלאָפען". נאָך אַרגער. זיי האָבען פאַרלייקענט זייער אייגען איך און זיינען אַריבערגעלאָפען אין לאַגער פון די טויט־פיינד פון'ם אַרבייטערקלאַס.

איז דער אינטערנאַציאָנאַל דעמאָלט געשטאָרבען? ווען מ'פאַרשטייט אונטער אינטערנאַציאָנאַל—די באַשטימטע פאָרם פון אָרגאַניזאַציע, דעמאָלט יאָ, דעמאָלט איז ער געשטאָרבען. ווען מ'פאַרשטייט אָבער, ווי מאַרקס דעם אידעאָלאָגישען און פאַקטישען יסוד פון'ם אינטערנאַציאָנאַל—דעם געדאַנק פון קלאַסענקאַמף און פון אינטערנאַציאָנאַליטעט און די פעהיגקייט, דעם ווילן, דעם דאָזיגען געדאַנק צו פאַרווירקליכען אין לעבען, דעמאָלט האָט דער אינטערנאַציאָנאַל גראָד בשעת מלחמה באַוויזען זיין גרעסטען כּח.

אין א צייט, אין וועלכער ס'ווערט נישט נאָר געטריבט געשענדעט און געמאָרדעט, נאָר אין וועלכער קויטסקי, פּלעכאַנאָוו און רענער בענטשען די כלי זין פון זייערע אייגענע פיינד, אין א צייט, אין וועלכער וואַנדער־וועלדע, הענדערסאָן און טאָמאַס שאַפען אַליין די כלי זין פאַר'ן פעלקער־קריג, און שיידעמאַן און רענער טוען דאָס נישט נאָר דערפאַר ווייל מ'לאָזט זיי נישט צו, צו דער דאָזיגער „הייליגער" אַרבייט. אין אַזאַ צייט פון פול־שטענדיגען באַנקראָט, פאַרבלייבען זיי די יחידים, לענין, לוקסעמבורג, ליבּ־קנעכט אויף זייער פּאָסטען און קעמפען נישט נאָר אַקעגען די אימפּע־ריאַליסטישע הערשער, נאָר אויך אַקעגען זייערע כהנים פון'ם סאָציאַליס־טישען לאַגער. ווער ס'פאַרשטייט נישט די דאָזיגע היסטאָרישע טאַט, דער פאַרשטייט איבערהויפּט נישט די געשיכטע. ווער וויל געפונען גרעסערע

העלדען אלץ די העלדען פון צימערוואלד; ווער קען בעסערע אינטער־נאציאנאליסטען אלץ די אינטערנאציאנאליסטען פון קינטאל; ווער האט געזען שענערע קלאסענקעמפער, ווי לענין, לוקסענבורג, טראצקי, ליבקנעכט און זייערע חברים. זיי זענען געווען און געבליבען דער אינטערנאציאנאל— דער אינטערנאציאנאל פון דער אידעע און אינטערנאציאנאל פון מעשים.

דער דאָזיגער אינטערנאציאנאל, דער מארקסיסטיש־קאמוניסטישער האט געלעבט אויך בשעת מלחמה, געלעבט און געווירקט. און אז ס'איז געקומען דער טאָג פון דער גרויסער פראלעטארישער רעוואלוציע האט ער געמעגט מיט שטאָלץ זאָגען: דאס איז אונזער ווערק, אונזער ארבייט, אונזער געדאנק.

קיין חידוש נישט, וואס די כהנים גדולים פון דער מלחמה, וועלכע האבען נישט געוואָלט הערן פון בירגערקריג, און ליבער פארטיידיגט דעם פעלקערקריג, אז זיי, וואס זיי האבען א יעדער געוואלט די רעוואלוציע אין א „פרעמדען" לאנד, אז זיי די שיידעמאנס, וואס זענען געגאנגען „באפרייען" דאס רוסישע פאלק פונ'ם צארישען יאָך און די טאמאם וואס האבען גע־וואלט „באפרייען" די דייטשע ארבייטער פון קייסער ווילהעלם, אז זיי אלע האבען כמעט ווי געהאסט די קאמוניסטישע אינטערנאציאנאליסטען. קיין חידוש נישט, וואס בשעת די אלע מארקסיסטישע למדנים האבען געהערט דעם שופר של משיח פון דער רוסלענדישער רעוואלוציע האבען זיי זיך דערשראקען און נאך א קורצען ישוב הדעת זיך אפען געשטעלט אקעגען די באלשעוויקעס. ווער פון זיי מיט דער פעדער, ווער מיט דער בייטש און ווער אויך מיט דער ביקס אין דער האנט.

נישטא ענגעלס וואס זאל זיי זאגען: איר פיליסטער, ווילט איר זען דאס אמת'ע פנים פון דער פראלעטארישער דיקטאטור. קוקט אהין, קיין רוסלאנד. דאס איז די דיקטאטור פונ'ם פראלעטאריאט.

נישטא מארקס וואס זאל זיי זאגען: די סאוועט־קאמונע דאס איז אונזער ווערק, דאס ווערק פונ'ם קאמוניסטען־בונד, פונ'ם אינטערנאציאנאל.

— —

און אצינד. בשעת דער קאמוניסטישער אינטערנאציאָנאל, אדער ווי מ'רופט אים דער מאסקווער אינטערנאציאנאל איז צוזאמענגעטראָטען צו קרוינען זיין ווערק און צוצוגרייטען דעם פראלעטאריאט צו דער וועלט־רעוואלוציע, שטייען מיר פועלי ציון על פרשת דרכים און חקרנן: די דיקטאטור פון מאסקווע.

יאָ, חברים, אויף איינס מוזען מיר אונז צוגרייטען: דער דריטער קאמו־ניסטישער אינטערנאציאנאל וועט אונז איין זאך דיקטירן: די קאמוניס־טישע וועלטאנשויאונג פון קלאסענקאמף און פון אינטער־נאציאנאליטעט, און זאל זיך יעדער פון אונז אליין פרובען אויף הארץ און מוח: ווער ס'איז נישט מסכים מיט אט דער וועלטאנשויאונג דער זאל ליבער בלייבען אין דרויסען. אצינד, בעת מ'גייט צו צום לעצטען קאמף מה מען ווייסען מי ומי ההולכים. נישט קיין סעקטע, א גרויסע ארמיי אבער

מיט איין געדאנק: ס א צ י א ל י ז ם; מיט איין מעטאד: קלאסענקאמף; מיט איין אידעאל: א י נ ט ע ר נ א צ י א נ א ל י ט ע ט.

און זייט אייך קלאר חברים, ווער ס'איז ה י י נ ט נישט מיט אונז דער איז אקעגען אונז.

קיין מיטעל וועג איז ה י י נ ט נישטא.

און אויב ס'קומט אונז פועלי ציון, וואס מיר האבען דאך באמת קיין פאטערלאנד נישט אזוי שווער אן צו לעזען דעם פראבלעם אינטערנאציאנאל, טא זיינען אין דעם שולדיג אונזערע אלטע חטאים. חבר סירקין האט אני־מעלט געוואלט דערקלערן פאר וואס ער איז בשעת מלחמה געווען א „אנטאנטיסט". ער האט געזאגט: אזוי ווי ער האט געמוזט אויסקלויבען צווישען ווילהעלם און לאיד־דזשארש האט ער געוואלט לאיד־דזשארש. ער האט ניט געהאט קיין אנדערע ברירה. אט דאס איז דער שרעקליכער חטא, מיר האבען קיין דריטען גאר נישט געזען. אים, דעם גרויסען אינטערנאציאנאל, דעם אינטערנאציאנאל פון מעשים, פון אויפקלערונג, פון אויפוועקען, פון רעוואלוציע האבען מיר גאר נישט באמערקט, אזוי האבען מיר זיך גע־שטופט צו די טויערן פונ'ם צווייטען אינטערנאציאנאל, בשעת ס'איז שוין געווען פרחה נשמתו, שוין ארויסגעפלויגען זיין אינטערנאציאנאלע נשמה. דעם וועג קיין צימערוואלד האבען מיר נישט געפונען. אויב איך האב קיין טעות נישט האבען מיר נאך נאכגעווארפען שטיינער די דאזיגע העלדען, וואס זענען אהינצו געגאנגען. דערפאר טאקי זענען מיר היינט גרייט צו גיין אומעטום, נאר נישט קיין מאסקווע.

דערפאר טאקע איז נויטיג, אז מיר זאלן סוף כל סוף פארשטיין: מאָסקווע איז נישט קיין אכסניה, וואו מ'וועט אונז בעסער אדער שלעכטער אויפנעמען, מ א ָ ס ק ו ו ע א י ז א ו ו ע ל ט א נ ש ו י א ו נ ג.

האנט אויפ'ן הארץ! ווער ס'איז איבערצייגט אין דער מארקסיסטיש־קאמוניסטישער שיטה מ ו ז זיך ת י כ ף צ ו א י ר ב א ה ע פ ט ע ן, אויף פאלי־טישען תרגום לשון: א ר ג א נ י ז א ט א ר י ש א נ ש ל י ס ע ן. ווער ס'מיינט, אז ס'פירט נאך אנ'אנדער וועג צום סאציאליזם, דער זאל אים דערווייל נאך זוכען וואו ער וויל. אין מאָסקווע, ג ע פ ו נ ט ע ר א י ם נ י ש ט.

צום סוף א פאר ווערטער מכח א גאנץ מאדנער רעוואלוציאנערישקייט.

אז מ'וויל ביי אונז זיין „קאמוניסטיש" ארגומענטירט מען אקעגען דעם דריטען אינטערנאציאנאל אזוי: באשר מיר גלויבען דאך, אז די „לייבור פארטיי" וועט בקרוב איבערנעמען די פאליטישע מאכט אין ענגלאנד (ס'ארא מסוכנה באלשעוויקעס מיר זענען, אז מיר גלויבען אין דעם!) און באשר מיר האבען דאך א לעבענסאינטערעס אין פאלעסטינא, טא מוזען מיר בלייבען אין שכנות מיט דער „לייבור פארטיי", ד. ה. ארייגגיין אין דעם אינטער־נאציאנאל, אין וועלכען זי גייט אריין.

די דאזיגע חברים זאגען מיר: ראשית, אויב די „לייבור פארטיי" וועט באמת וועלן דורכפירן די דיקטאטור פונ'ם פראלעטאריאט, וועט זי אין דעם

טאג, אין וועלכען זי וועט איבערנעמען די מאכט מוזען פראקלאמירן דאס זעלבסטבאשטימונגסרעכט פון אלע ארבייטענדיגע פעלקער. אין אונזער קאָנקרעטען ענין הייסט דאס בכן, אז זי וועט מוזען איבערגעבען פאלעסטינא אינ׳ם רשות פון די דארטיגע ארבייטענדיגע מאסען, פון די אראבישע לאנדווירטשאפטליכע און יודישע שטאטישע פראלעטאריער. אז דאס זאל אונזערע „נאציאנאלע באלשעוויקעס״, וואס מיינען, אז זיי האבען „היסטארישע רעכטען״ אויף ארץ ישראל, זער געפעלן בין איך מסופק. והשנית. אויב אבער די „לייבור פארטיי״ וועט נאכדעם, וואס זי וועט איבערנעמען די מאכט גיין אויפ׳ן וועג פון די דייטשע „מעהרהייטס״ סאציאליסטען, אדער גאר פון די דייטשע „אומאפהענגיגע״, וואס האבען תיכף נאך דער נאוועמבער־רעוואלוציע ארויסגעשיקט דעם רוסלענדישען באטשאפטער חבר יאפע פון בערלין, דעמאָלט וועלן מיר קאמוניסטען בשום אופן נישט צולאזען, אז דער גורל פונ׳ם יודישען פראלעטאריאט זאל צונויפגעבונדען ווערן מיט׳ן גורל פון אט אזא מין ארבייטער־רעגירונג.

צען נומערן

„מיטיילונגען"

פונ'ם א. ב. פון די לינקע פועליציון

זענען ערשינען אין ווין

אלס ביילאגע צו דער „פרייער טריבונע"

אין דייטשער און יודישער שפראך

צו באציען דורך: „פרייע טריבונע".

„יודישער סאציאליסט"

ארגאן פון דער יודישער סאציאל-

דעמאקראטישער ארבייטער פארטיי

אין דער טשעכאסלאוואקישער רעפובליק

ערשיינט יעדען פרייטאג אין דייטשער שפראך

אדרעס: PRAG, I., PERSTYN 6|II.

„אוואנגארד"

צענטראלארגאן פונ'ם ארגאניזאציאנס־ביורא

פון די לינקע פועלי־ציון

ערשיינט יעדען פרייטאג אין ווין

אדרעס: **WIEN, II., GLOCKENGASSE 6, Tür 17**

בוך־און קונסטדרוקעריי

האלפערן און קאמפ, ווין, VII, קאנדלגאס 11

עמפפעהלן אירע מאדערנסט איינגעריכטעטע

העברעאישע אבטיילונג

פאר צייטשריפטען, בראשירען, פלאקאטען, טאבעלען עטצ.

„פרייע טריבונע"

ארגאן

ין דער יודישער סאציאליסטישער ארבייטער־
ארטיי פועלי־ציון אין דייטשעסטרייך

ערשיינט יעדען שבת אין דייטשער שפראך

דרעס: **WIEN, II., GLOCKENGASSE 6, Tür 17**